בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**

**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**

שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**

**טלפון רב קווי 04-6708356**

**פקס: 04-6708359**

---

**Visit our new website: www.breslevcenter.com**

**לשמוע השיעורים 212-444-9191**

Find our entire book selection at:
**AMAZON.COM**
To donate and/or sponsor one of our books please call:
**845-248-1651**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת לך לך, ב׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

געלויבט דעם הייליגן באשעפער אז מיר זענען אריין אינעם זיבעטן יאר פון ווען מיר האבן געעפענט די מיידל סקול ״בית פיגא״ ברסלב.

מאנטאג פרשת נח תשע״ב לפרט קטן האב איך באקומען א בריוו פון מוהרא״ש זכרונו לברכה, מוהרא״ש שרייבט מיר איך זאל עפענען א סקול ״בית פיגא״; דעמאלט איז עס געווען א געשפעט ביי יעדן איינעם - כולל אנשי שלומינו, אלע האבן געלאכט פון מיר, חוץ זעקס משפחות וואס האבן אריין געשטעלט זייערע קינדער, האבן אלע געלאכט. היינט ווען מען קוקט צוריק, מען זעט ווי שיין די סקול שטייט, אז עס האלט שוין ביי זיבעציג מיידליך קיין עין הרע - דארפן מיר דאנקען דעם אייבערשטן אויף די חסדים און די ניסים וואס ער טוט מיט אונז, אז מיר האבן א פלאץ וואו אונזערע קינדער קענען אויפוואקסן מיט דעם הייליגן רבינ׳ס עצות.

איך וויל בעטן אלע אינגעלייט וואס שיקן זייערע טעכטער אין סקול, היות מיר האבן נישט קיין פלאץ פאר די מיידלעך, האבן מיר ארויף געבויעט העכער די ישיבה דריי נייע קלאסן פאר די קליינע מיידלעך, דאס האט מיר געקאסט קרוב צו פופציג טויזענט דאללער; איך האב נישט די געלט, און איך בין אריין אין חובות נאר פאר אייערע טעכטער. דערפאר בעט איך אלע מיינע תלמידים, בפרט ווער עס שיקט זיינע טעכטער אין סקול, יעדער זאל זיך משתתף זיין מיט די מצוה, מען זאל נעמען א חלק אין די הוצאות וואס דאס האט מיר געקאסט.

איך שלעפ א בארג חובות, און איך האב מער נישט קיין כח צו די שווערע חובות; איך בין יעצט אריין אין טיפע חובות מיט דעם בנין אין אומאן, איך האב געמיינט אז ווען איך וועל בעטן מיינע תלמידים זיי זאלן מיר העלפן, וועלן אלע קומען ברענגען געלט מיר צו העלפן וכו׳, דערווייל זע איך אז עס איז נישט אזוי, און בלויז געציילטע תלמידים האבן מיר געברענגט געלט, און רוב מאכן זיך נישט וואוסענדיג, און איך בין געבליבן אין חובות.

יעצט קומט ווינטער, און איך מוז ענדיגן גיסן די צעמענט, ווייל אז איך וועל עס לאזן שטיין אזוי ווי עס אזי, וועט עס מיר קאסטן נאכדעם אסאך מער, אבער איך קען נישט גיסן ווייטער די צעמענט ווייל איך האב נישט קיין כח מער אויף חובות.

איך האב נישט וואו צו גיין בעטן געלט - נאר פון מיינע תלמידים; פאר יעדע צוועק קען מען ארום גיין אין די גאנצע וועלט בעטן געלט און יעדער וועט געבן, אבער פאר ברסלב - בפרט היכל הקודש - וועט קיינער נישט געבן, די איינציגסטע צו וועם איך קען בעטן "העלפט מיר" זענען מיינע תלמידים. ווען אלע תלמידי הישיבה וואלטן צוגעלייגט א פלייצע צו ענדיגן דעם בנין אין אומאן וואס איך בוי פאר ענק, וואלטן מיר געקענט ארייננגיין דעם קומענדיגן יאר שנת תשע"ט לפ"ק, אבער לעת עתה זעט נישט אויס אז עס זאל אזוי שנעל פארטיג ווערן.

איך ווענד זיך צו מיינע טייערע תלמידים שיחיו: העלפט מיר איך זאל קענען ענדיגן דעם בנין אין אומאן; העלפט מיר מיט די סקול, אז די מיידלעך זאלן האבן א פלאץ וואו צו לערנען. און ווער עס וועט מיר העלפן אויפשטעלן די מוסד וועט האבן נחת פון זיינע קינדער.

וואס זאל איך דיר זאגן, איך בין זייער איינטווישט; איך האב געמיינט אז אלע וועלן מיר העלפן, ביז דערווייל שטיי איך אין חובות וואס איך האב גענומען נאר פאר ענק. גלייב מיר, פאר מיר נעם איך גארנישט פון די ישיבה; דער זמן האט זיך אנגעפאנגען די צענטע יאר פון ווען די ישיבה שטייט, איך האב נישט גענומען קיין געהאלט פון די ישיבה פון ווען די ישיבה האט זיך געעפענט, איך נעם נישט פאר מיר גארנישט, צען יאר בין איך ראש ישיבה נאר פאר ענק, און איך נעם נישט קיין געהאלט וכו'. געלויבט דעם אייבערשטן וואס ער העלפט מיר יעדן טאג איך זאל קענען מפרנס זיין מיין ווייב און קינדער, אלע מיינע חובות וואס איך האב איז נאר פאר די ישיבה, פאר די חדר, פאר די מיידל סקול, פאר קעמפ, און יעצט פאר דעם נייעם בנין אין אומאן.

איך רעד שוין נישט פון דעם אז עס זענען דא עלטערן וואס צאלן נישט קיין שכר לימוד, און ווען מען רופט זיי וכו' מאכן זיי זיך נישט וויסענדיג, זיי קענען נאך רעדן מיט חוצפה און מיט עזות צו די איינגעשטעלטע וכו'; אפילו איינער וואס האט באמת נישט קיין

געלט קען היינט צאלן שכר לימוד דורך מאכן פראגראמען (וואוטשערס), די שטאט העלפט ארויס אלע וואס האבן נישט די מעגליכקייט צו צאלן שכר לימוד, און ווען מען בעט זיי צו מאכן פראגראמען מאכן זיי ליצנות פון די איינגעשטעלטע כאילו דאס האט נישט מיט זיי, דאס ווייזט ווער זיי זענען. מוהרא"ש זכרונו לברכה שרייבט אן א שיעור בריוו אין אשר בנחל: "די אלע וואס מאכן זיך נישט וויסענדיג און צאלן נישט קיין שכר לימוד, ווייזן ארויס וואס זייער תכונת הנפש איז".

חכמינו זכרונו לברכה זאגן (ביצה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים, חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב, וְהוֹצָאַת בָּנָיו לַתַּלְמוּד תּוֹרָה; שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", ראש השנה שרייבט מען אן וויפיל געלט דער מענטש גייט האבן דעם קומענדיגן יאר, חוץ די געלט וואס א מענטש קויפט איין לכבוד שבת ויום טוב, און די געלט וואס מען צאלט פאר שכר לימוד, וואס אויב מען פארמינערט, פארמינערט מען אים, און אויב פארמערט ער, פארמערט מען אים פון הימל פרנסה.

איך האב געלייגט א גרויסע טאוול אין ישיבה צו מפרסם זיין אלע תלמידים וואס העלפן מיט דעם בנין און אומאן, איך האב געמיינט אז עס וועט זיך גלייך אנפילן, דערווייל איז עס ליידיג; דערפאר בעט איך דיר מיין טייערער תלמיד, העלף מיר אז איך זאל דיר קענען העלפן. אז דו וועסט מיר העלפן אויפבויען די מוסד וועסטו הנאה פון דעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת לך לך, ב' מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר, בפרט מיט דעם וואס דו זעסט אז די 'טראנספארטעישן' זאל קלאפן אזוי ווי עס דארף צו זיין, אז די אינגלעך און מיידלעך זאלן אנקומען צייטליך אין חדר און אין סקול, כדי אלעס זאל גיין אזוי ווי עס דארף צו זיין.

איך וויל דיר זייער בעטן דו זאלסט איבער געבן פאר אלע דרייווערס, אז מען דארף זיין צייטליך אין חדר און אין סקול, און יעדע מינוט וואס מען קומט אן שפעט אין חדר איז דאס ביטול תורה פון תינוקת של בית רבן, וואס אין זכות פון זייער לערנען תורה שטייט דער וועלט. דערפאר זאל מען נישט שטיין און ווארטן ביי די הייזער ביז יעדע מאמע נעמט זיך צוזאם און ווערט גרייט, נאר מען דארף וויסן א זמן ווען מען קומט אן, און אויב קיינער ווארט נישט אינדרויסן זאל דער דרייווער אוועק פארן און איבער לאזן די קינדער.

ווען די עלטערן וועלן זען אז דער דרייווער פארט אוועק, ער מאכט זיך נישט וואוסענדיג און ער הייבט נישט אויף דעם טעלעפאן ווען מען רופט אים, וועלן אלע עלטערן זיין גרייט אין צייט.

איך האב היינט באקומען א אויפגעברויזטע טעלעפאן רוף פון א טאטע, ווי ער שרייט אז דער דרייווער ווארט נישט וכו', איך האב אים גארנישט געענטפערט, אבער ביי מיר האב איך זייער הנאה געהאט צו זען אז דער דרייווער פארט אין צייט, און מאכט נישט קיין אויסנאם פאר קיינעם.

אויך בעט איך דיר, זאלסט זען צו מאכן גרינגער פאר די דרייווערס זיי זאלן נישט דארפן אריין פארן אין יעדן גאס; אויב עס קומט אויס גרינגער מען זאל נישט אריין פארן אינעם גאס, זאלן די קינדער קומען ביים עק גאס. געדענק דעם כלל וואס איך זאג דיר: "ווי מער מען געבט, אלץ מער שפייט מען צוריק"; מען ווערט נישט קיין גוטע מוסד אז דער באס שטעלט זיך אפ ביי יעדע הויז וכו', און מיר דארפן נישט נאכמאכן וואס יעדע מוסד טוט כדי צו געוואונען נאך קינדער אינעם מוסד. אויב די עלטערן וועלן נישט זיין צופרידן אז מען הייסט זיי קומען צום קארנער, קענען זיי זוכן א מוסד וואס נישט נאר מען שטעלט זיך אפ ביים הויז, נאר מען שיקט ארויף דעם מלמד ביזן שטוב, און נעמט איבער דעם קינד פונעם טיר צום טיר - "טיר צו טיר סערוויס".

אויך וויל איך דיר בעטן דו זאלסט איבער געבן פאר די וואס דרייוון דעם באס דא אין שטאט, אז די מיידלעך קענען נישט גיין מיטן באס, דער באס איז נאר געמאכט פאר קליינע קינדער וואס קענען נאך נישט אליין גיין וכו'.

שטארק דיך, און ווי לאנג דו ביסט אין ישיבה זע צו העלפן אז מיר זאלן האבן שיינע מוסדות; פארגעס נישט אז דו טוסט דאס אלעס פאר דיר אליין, ווייל נאך אביסל וועסטו האבן א פלאץ וואו דו וועסט שיקן דיינע קינדער, א פלאץ וואו מען לערנט תורה בקדושה ובטהרה; מען פארשעמט נישט און מען פראסקעט נישט וכו' וכו'.

מען קען הערן היינט ווי מענטשן זאגן: "נַא, היינט שלאגט מען שוין נישט, היינט שטויסט מען שוין נישט"; איך וועל דיר פארציילן א קליינע מעשה וואס דו וועסט שוין אליין פארשטיין. א אינגערמאן פארציילט מיר, ער וואוינט אין מאנסי, און ער האט אריין געשיקט יעצט נאכן זומער זיין אינגל אין כתה א' אין א חשוב'ע תלמוד תורה (וואס מיינט חשוב? אז דארט נעמט מען נישט אן נאר אויב מען שרייבט איין דאס קינד נאך פאר מען איז געבוירן), נאך אפאר טעג, האבן די עלטערן באמערקט אז דאס קינד וועקט זיך אויף נאכט נאך נאכט מיט קולי קולות, ווען דער מאמע האט אים באַרואיגט און געפרעגט: "וואס גייט פאר? וואס שרייסטו?" ענטפערט ער: "מיין רבי גייט מיר הרג'נען", יעדע נאכט האט זיך איבער גע'חזר'ט די זעלבע מעשה, דאס קינד שרייט: "מיין רבי גייט מיר הרג'נען"; דא רעדט מען פון כתה א', א קינד פון פיר און א האלב יאר וועקט זיך אויף יעדע נאכט און שרייט: "מיין רבי גייט מיר הרג'נען", דער אינגערמאן זאגט מיר עס האט אים געכאפט א ציטער, וואס גייט דא פאר? דאס איז דאך א חשוב'ע מוסד... הער ווייטער די מעשה, חול המועד זאגט אים זיין קינד: "טאטי, שרייב א מצוה צעטל פאר די בעבי, ווייל זי האלט די הענט אויף די הייטשער גראד פאר א לאנגע צייט, זי רירט זיך נישט, און מיין רבי זאגט אז ווער עס האלט די הענט אויפן טיש און רירט זיך נישט, ער באקומט א מצוה", דאס הייסט א מלמד אין א חשוב'ע מוסד...

א פרוי זאגט מיר: איך קען נישט זאגן קיין תהילים, ווייל ווען איך בין געווען אין צווייטע קלאס האט מען געזאגט תהילים; יעדע מיידל האט געדארפט זאגן א פסוק, די סדר איז געווען אז איין מיידל האט געזאגט א ווארט און די מיידלעך האבן איר נאכגעזאגט ווארט ביי ווארט. פארציילט די פרוי אז זי האט נישט געקענט אזוי גוט עברי, האט זי

געזאגט זייער שטייט, און אנשטאט די טיטשער זאל איר מחזק זיין און איר העלפן אז זי זאל זיך אויסלערנען גוט עברי, רופט זיך אן די טיטשער: "דער אייבערשטער האט נישט קיין כח צוווארטן ווי לאנג דו זאגסט, דו דארפסט נישט זאגן"; זי איז געזיצן א גאנץ יאר אין קלאס, און ווען עס איז געקומען איר רייע צו זאגן האט מען איר איבערגעהיפט, ווייל "דער אייבערשטער האט נישט קיין כח צו ווארטן ווי לאנג זי זאגט". זאגט זי, אז ביז היינט קען זי נישט קיין עברי, און אפגערעדט אז זי איז פארוויסטאגט אויף די תהילים, און זי קען נישט זאגן קיין תהילים. דערפאר, אז דו העלפסט מיר אויפבויען די חדר מיט די סקול, זאלסטו וויסן אז דו גרייסט אן מוסדות פאר דיר אליין - פאר דיינע קינדער.

נאכאמאל, אויב דו ווילסט מיר העלפן וויל איך וויסן יעדע פרט וואס טוט זיך אינעם מוסד, און איך וויל נישט מען זאל נעמען די טרענספארטעישן און מאכן אז עס זאל קאסטן פאר די מוסד מער מיט איין דאללער אויב עס פעלט נישט אויס; איך בין נישט קיין נצרך לבריות, איך זוך נישט צו האבן מיט נאך א קינד מער אינעם מוסד.

איך וועל דיר פארציילן א מעשה, ביי מיר אין בנין וואוינען אסאך משפחות; געדענק איך, אז דארט האט אמאל געוואוינט א משפחה וואס די מאמע האט זיך אויפגעטון אז זי האט איבערגעדרייט די מוסד וואו זי האט געשיקט אירע קינדער. די מוסד איז געווען א קליינע מוסד און זיי האבן נישט געהאט געווג באסעס, האבן זיי געבעטן די מאמעס זיי זאלן קומען צו די עק גאס (קארנער), אבער זי האט איבערגעדרייט די מוסד אז זי גייט נישט ארויס קיין איין טריט פונעם בנין, זי איז געלאפן צום מנהל, צו די הנהלה, און זיי האט זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט ביז זי איז געגאנגען צום רב, וואס היות דער רב דארט איז א נצרך לבריות, און דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סו) אז עס איז דא כמה אופנים ווי אזוי מען קען זיין א נצרך לבריות; איינער איז א נצרך לבריות אז ער דארף יענעמס געלט, איינער דארף כבוד פון יענעם, איינער דארף פשוט נאך א מענטש אויף די פארענטשעס, האט ער געהייסן מען זאל קויפן נאך א באס אז די מאמע זאל זיך נישט דארפן מטריח זיין אין ארויס גיין אפאר איבעריגע טריט.

ברוך השם איך דארף נישט קיינעם, איך האב אויפגעשטעלט די מוסד מיט מסירת נפש פאר מיינע תלמידים, פאר ווער עס וויל געבן פאר זיינע קינדער א חינוך אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז איבערגעגעבן פונעם הייליגן רבי'ן; איך וויל נישט מען זאל קויפן נאך

א באס אדער נאך א וועג אויב פעלט עס נישט אויס. געדענק וואס איך זאג דיר: "ווי מער מען געבט, אלץ מער שפייט מען צוריק".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת לך לך, ג' מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון עוסק זיין אין הפצה; חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (ירושלמי כתובות, דף סו): ריש לקיש האט געפאסט דריי הונדערט תעניתים אז ער זאל זוכה זיין צו זען רבי חייא, און ער האט נישט זוכה געווען אים צו זען, האט ריש לקיש געהאט חלישות הדעת, און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן און געזאגט: "רבונו של עולם, איך האב נישט געלערנט אזוי פלייסיג ווי רבי חייא? רבי חייא האט דען געלערנט מער ווי מיר?!" האט מען אים געענטפערט: "ער האט נישט געלערנט מער ווי דיר, אבער ער האט אריין געברענגט תורה אין אידישע קינדער מער ווי דיר, און נישט נאר דאס, נאר רבי חייא איז געגאנגען גלות ליידן צו לערנען, ער איז ארויף קיין ארץ ישראל". האט ריש לקיש פארשטאנען אז דאס גרויסקייט פון ר' חייא איז געווען ווייל ער איז געגאנגען אין גלות צו לערנען תורה, האט ריש לקיש געזאגט: "רבונו של עולם, איך בין אויך געגאנגען אין גלות כדי צו לערנען תורה", האט מען אים געענטפערט: "דו ביסט געגאנגען אין גלות צו לערנען תורה פאר דיר, אבער רבי חייא איז געגאנגען אין גלות פאר א צווייטן, ער איז ארום געגאנגען אויסלערנען תורה פאר אידישע קינדער"; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון א מענטש וואס גייט אין גלות פאר א צווייטן איד.
~~~~~~~~~~

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרק יא): "וְשֶׁמָּא תֹּאמַר, אוֹתָן שִׁבְעִים אֶלֶף שֶׁנֶּהֶרְגוּ בְּגִבְעַת בְּנֵי בִּנְיָמִין מִפְּנֵי מַה נֶהֶרְגוּ? פארוואס איז געשען די ביטערע גזירה אז זיבעציג טויזנט אידן זענען געשטארבן ביי די מעשה פון 'פלגש בגבעה'? הָיָה לָהֶן לְסַנְהֶדְרִין גְּדוֹלָה שֶׁהִנִּיחַ מֹשֶׁה וִיהוֹשֻׁעַ וּפִנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר עִמָּהֶם שֶׁיִּקְשְׁרוּ חֲבָלִים שֶׁל בַּרְזֶל בְּמָתְנֵיהֶם וְיַגְבִּיהוּ בִּגְדֵיהֶם לְמַעְלָה מֵאַרְכֻּבוֹתֵיהֶם וִיחַזְּרוּ בְּכָל עֲיָרוֹת יִשְׂרָאֵל, יוֹם אֶחָד בְּבֵית אֵל, יוֹם אֶחָד לְחֶבְרוֹן, יוֹם אֶחָד לִירוּשָׁלַיִם, וִילַמְּדוּ אֶת יִשְׂרָאֵל דֶּרֶךְ אֶרֶץ בְּשָׁנָה בִּשְׁתַּיִם בְּשָׁלֹשׁ, עַד שֶׁיִּתְיַשְּׁבוּ בְּאַרְצָם כְּדֵי שֶׁיִּתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּבָּ"ה בָּעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁבָּרָא מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, ווייל ווען די אידן זענען אריין אין ארץ ישראל וואלטן די סנהדרין געדארפט גיין 'הפצה' יעדן טאג צו א צווייטע שטאט - איין טאג צו ירושלים, איין טאג צו חברון, בית קל, און לערנען מיט אידישע קינדער תורה. און זיי וואלטן זיך געדארפט מאכן גוטע שיך אז מען זאל האבן כח צו גיין.

הֵן לֹא עָשׂוּ כֵּן. אֶלָּא כְּשֶׁנִּכְנְסוּ לְאַרְצָם, כָּל אֶחָד וְאֶחָד נִכְנַס לְכַרְמוֹ וּלְיֵינָם, אָמַר שָׁלוֹם עָלַיִךְ נַפְשִׁי - כְּדֵי שֶׁלֹּא לְהַרְבּוֹת אֶת הַטּוֹרַח, אבער זיי האבן נישט אזוי געטון נאר יעדער האט זיך באשעפטיגט מיט זיינע ענינים, און געזאגט שלום עלי נפשי, דערפאר איז געקומען די ביטערע גזירה; זעט מען פון דעם וואס הפצה איז, און וואס מען קען איינשפארן אויב מען איז עוסק אין הפצה, וויפיל גזירות רעות מען קען אוועק נעמען פון כלל ישראל אויב מען איז עוסק צו פארשפרייטן די אמונה אין די וועלט.

דערפאר ליגט א חוב אויף אונז ארויסצוגיין אין דער וועלט, פארשפרייטן פאר יעדן איינעם אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט.

איך בעט דיר זאלסט גיין יעדן טאג אביסל הפצה, און מוהרא"ש זכרונו לברכה האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט עוסק זיין אין הפצה וועט האבן שפע.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת לך לך, ד׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער שטארק אז דו זאלסט שטענדיג זען האבן מיט דיר א זעקל ספרים, קונטרסים אדער סידי׳ס וכו׳, אז דו זאלסט קענען מקרב זיין מענטשן צום אייבערשטן; ווען דו וואלסט געוואוסט ווי חשוב עס איז אויבן אין הימל א מענטש וואס איז עוסק אין הפצה, וואלסטו זיכער יעדן טאג עוסק געווען אין דעם.

אין זוהר הקדוש שטייט (תרומה קכח:): ״תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, קום און זע, זאגט דער הייליגער זוהר: א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתָּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא, דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין אויף א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט, און ער מאכט אז דעם אייבערשטנ׳ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט, און דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי, און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי, קיינער קען אים נישט שלעכט׳ס טון, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט, עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ, ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים, און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן״.

ווען מען רעדט פון הפצה מיינט מען יעדע זאך וואס האט צו טון מיט הפצה; איינער קען מנדב זיין געלט צו דרוקן די ספרים, איינער קען העלפן דרוקן די ספרים, און איינער נעמט די ספרים און פארשפרייט דאס. דערפאר בעט איך דיר מיין ליבער ברודער, יעדן טאג
~~~~~~~~~~~

ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי, פרעג דיר די קשיא: "וואס גיי איך היינט טון פאר א צווייטער איד? וואס גיי איך היינט טון צו לעכטיג מאכן פאר נאך א איד?"

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, סימן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי-אָדָם בִּתְשׁוּבָה", ווער עס וויל מתקן זיין וואס ער האט פוגם געווען אין פגם הברית, דער זאל עוסק זיין אין די מצוה פון צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטן און צו די תורה; עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך וואס א מענטש קען טון צו פארעכטן וואס ער האט פוגם געווען - ווי צו עוסק זיין אין הפצה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת לך לך, ה' מר-חשון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא מציעא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", א מענטש זאל זייער אכטונג געבן נישט צו טשעפען זיין ווייב, "מִתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה", ווייל זי וויינט זייער שנעל; מוהרא"ש פלעגט זייער אסאך רעדן צו אונז פון שלום בית, אז מען זאל זיין א וותרן אין שטוב, און זיין א סבלן, און דאס איז פון די יסודות אין "היכל הקודש".

דערפאר בעט איך דיר זייער, דו זאלסט נישט זיין אנגעצויגן אין שטוב, אז דיין ווייב זאל נישט לעבן מיט א פחד פון דיר. עס איז דא אינגעלייט וואס ווארפן א מורא'דיגע אימה אין שטוב, וואס דאס ברענגט זייער שווערע נאכפאלגן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (גיטין ו:): "לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", א מענטש זאל נישט ווארפן א
~~~~~~~~~~

שרעק אויף זיין ווייב און קינדער, ״שֶׁהֲרֵי פִּילֶגֶשׁ בְּגִבְעָה הִטִּיל עָלֶיהָ בַּעֲלָהּ אֵימָה יְתֵירָה וְהִפִּילָה כַּמָּה רְבָבוֹת מִיִּשְׂרָאֵל״. ווייל די מעשה פון פילגש בגבעה ווי זיבציג טויזענט אידן זענען גע׳הרג׳עט געווארן, די מעשה האט זיך אנגעפאנגען פון א מענטש וואס האט געווארפן א פחד אויף זיין ווייב, נאך זאגן חז״ל (שם): ״אָמַר רַב יְהוּדָה אָמַר רַב, כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וּשְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִלּוּל שַׁבָּת״. ווער עס ווארפט א פחד אויף זיין ווייב וועט נאכדעם צוקומען צו די דריי הארבע עבירות פון גילוי עריות, שפיכות דמים און חילול שבת.

דער רבי האט אונז אנגעזאגט (שיחות הר״ן, סימן רסד): ״לְכַבֵּד וּלְיַיקֵּר אֶת אִשְׁתּוֹ״. מיר זאלן האלטן חשוב און רעדן שיין צו די ווייב, ״כִּי אָמַר: הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּידָה וְהַגִּידוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם, בְּכַמָּה אוֹפַנִּים הַקָּשִׁים וּכְבֵדִים מְאֹד מְאֹד וְכוּ׳ וְכוּ׳״, דער רבי האט געזאגט אז די ווייבער ליידן אסאך צער, און זיי האבן גרויסע יסורים פון די קינדער וכו׳ וכו׳.

מוהרא״ש האט געהאלטן אז שלום בית ווענדט זיך אינעם מאן; אפילו איינער באקומט א פרוי מיט שווערע נאטורן וכו׳ איז אויך מעגליך פארן מאן איר איבער צו דרייען.

עס איז דא וואס לערנען מיט חתנים מען זאל קויפן מתנות און ארויסנעמען אין ׳רעסטעראנט׳ וכדומה, און דאס מאכט שלום בית. אבער מוהרא״ש האט אונז אנדערש געלערנט, מוהרא״ש זכרונו לברכה האט אונז געלערנט אז שלום בית איז נישט געוואנדן אין מתנות וכדומה לזה, ווייל א פרוי דארף נישט קיין מתנות, א פרוי דארף נישט מען זאל איר ארויס נעמען וכדומה, א פרוי וויל א מאן וואס איז נאנט מיט איר און רעדט שיין צו איר, ער הערט איר אויס און פארשטייט איר, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה כ:): ״רוֹצָה אִשָּׁה בְּקַב וְתִפְלוּת, מִתִּשְׁעָה קַבִּין וּפְרִישׁוּת״. א פרוי וויל ענדערש ווייניג עסן און זיין נאנט מיט איר מאן, ווי איידער אסאך עסן און נישט זיין נאנט מיטן מאן; אודאי איז גוט צו קויפן א מתנה לכבוד יום טוב, אבער נישט דאס איז שלום בית, שלום בית איז דיין שמייכל וואס דו שמייכלסט צו איר און די פאר גוטע ווערטער וואס דו געבסט איר.

ווען א פרוי רעדט זיך אפ אז דער מאן ברענגט נישט קיין געלט, ווען א פרוי רעדט זיך אפ און זי פארציילט וואס יענע חבר׳טע האט אלץ וכו׳ וכו׳, זאלסטו וויסן אז עס באדערט

איר גאר עפעס אנדערש - זי דארף א מאן, און זי האט דאס נישט, און זי שעמט זיך צו בעטן: "איך דארף א גוטווארט", "איך דארף אביסל ליבשאפט".

שלמה המלך זאגט (משלי טו, יז): "טוֹב אֲרֻחַת יָרָק וְאַהֲבָה שָׁם מִשּׁוֹר אָבוּס וְשִׂנְאָה בוֹ". עס איז בעסער צו עסן אביסל גרינצייג - א ארימע מאלצייט ווען עס איז דא ליבשאפט דארט, ווי שטיקער פלייש און מען האט זיך פיינט; דערפאר בעט איך דיר זייער דו זאלסט פון יעצט זיין נאכגעביג און זיין א "געבער", דו זאלסט נישט אויפהערן צו געבן גוטע ווערטער פאר דיין ווייב, וועסטו זוכה זיין אז דער אייבערשטער וועט רוען ביי דיר אין שטוב, און אז דער אייבערשטער איז אין שטוב איז שוין דא אלע ברכות, און דו וועסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת לך לך, ו' מר-חשון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא י): "יוֹסֵף בְּרֵיהּ דְּרִ' יְהוֹשֻׁעַ חֲלַשׁ", יוסף דער זון פון רבי יהושע האט גע'חלש'ט, "אִינְגִּיד", און ער איז געשטארבן, דערנאך איז ער צוריקגעקומען צו זיך, "אֲמַר לֵיהּ אֲבוּהָ: מַאי חֲזִית?" ווען ער האט זיך אויף געוועקט, פרעגט אים זיין טאטע: וואס האסטו געזען דארט אויבן אין הימל? "אֲמַר לֵיהּ עוֹלָם הָפוּךְ רָאִיתִי, עֶלְיוֹנִים לְמַטָּה וְתַחְתּוֹנִים לְמַעְלָה", זאגט ער: איך האב געזען א פארקערטע וועלט; די אלע וואס זענען חשוב דא אויף דער וועלט זענען אויבן נישט חשוב, און די אלע וואס זענען דא נישט חשוב זענען אויבן יא חשוב "אֲמַר לֵיהּ: עוֹלָם בָּרוּר רָאִיתָ", זאגט אים זיין טאטע: דו האסט נישט געזען א פארקערטע וועלט, דו האסט געזען א שיינע וועלט, אן אמת'ער וועלט; ווייל אויבן קוקט מען נישט ווער עס האט געלט, אויבן קוקט מען ווער עס קען זיך דערהאלטן.
~~~~~~~~~~~

זע צו גיין אין שול יעדן טאג דריי מאל א טאג דאווענען מיט מנין; מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן "אז מען דאוונט מיט מנין האט מען א דבר שבמנין (געלט)". און אויב דו ביסט אויפגעשטאנען שפעט און עס איז שוין נישט דא קיין מנינים, מיט דעם אלעם זאלסטו מקפיד זיין צו דאווענען נאר אין שול, ווייל אין שול דאוונט מען וכו', און אזוי ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך (אורח חיים, סימן צ, סעיף ט), אז מען זאל דאווענען אין שול.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות תפילה, סימן לו): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּית הַכְּנֶסֶת, וְאֵינוֹ נִכְנָס לְשָׁם לְהִתְפַּלֵּל, גּוֹרֵם גָּלוּת לְבָנָיו", ווער עס האט שול אין זיין שטאט און ער גייט נישט אין שול דאווענען ברענגט ער אז זיינע קינדער זאלן דארפן גיין אין גלות; דאס איז א מאמר חז"ל (ברכות ח.), לכאורה, וואס האט צו טון אז איך גיי אין שול אז די קינדער זאלן נישט גיין אין גלות, נאר מען קען זאגן א פשוט'ער טעם, אז די קינדער זעען ווי דער טאטע גייט נישט אין שול וועלן זיי אויך נישט גיין אין שול, און אז די קינדער האבן נישט קיין טאטע וואס איז זיי מחנך און גייט מיט זיי דאווענען וועלן זיי האבן א גלות לעבן, זיי וועלן זיך וואלגערען אין די גאסן רחמנא לצלן.

אין הימל קוקט מען גאר אנדערש אויף א מענטש ווי מען קוקט דא; ר' נתן פלעגט חזר'ן דעם פסוק (איוב ג, יט): "קָטֹן וְגָדוֹל שָׁם הוּא", דארט וועט מען וויסן ווער עס איז גרויס און ווער עס איז קליין. מען זעט אמאל אז עס רעש'ט זיך דא מיט איינעם, מען קען מיינען ווער ווייסט וואס יענער איז, אבער אויבן אין הימל ווייסט מען ניטאמאל פון יענעם, אמאל פארקערט אויך, עס קען זיין א מענטש וואס קיינער ווייסט נישט פון אים, מען מאכט נישט פון אים קיין בראטל, און אויבן אין הימל איז יענער זייער חשוב, ווייל ער גייט אין שול יעדן טאג דאווענען אפילו עס קומט אן זייער שווער, און ער רעדט צום אייבערשטן, ער פארציילט יעדע זאך וואס באדערט אים, דאס איז חשוב אויבן אין הימל, דערפאר האט ער אים געזאגט "עוֹלָם בָּרוּר רָאִיתָ", א שיינע וועלט, א אמת'ער וועלט – האסטו געזען.

איך בעט דיר, שטארק דיר און ווער נישט צעבראכן ווען דו זעסט אז דו פרובירסט אזוי שטארק און דו פאלסט צוריק וכו' וכו'; דאס איז אלעס נאר בשביל הבחירה והנסיון.

איך האף אז דו לייענסט די בריוו וואס איך שרייב דיר, און דו נעמסט ארויס התחזקות אויף לעובדה ולמעשה; זה חלקי מכל עמלי צו זען ווי דו דערהאלסט זיך, דו לערנסט און דו דאווענסט.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת פרשת לך לך, ז׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר גייען אריין אינעם הייליגן שבת, א מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, אז מיר זאלן זיך קענען אביסל דערנענטערן צו אים.

א גאנצע וואך איז א מענטש פאריאגט צו ברענגען פרנסה, אבער ווען עס קומט שבת - ׳בָּא שַׁבָּת בָּא מְנוּחָה׳, קען מען אביסל לערנען, א ביסל דאווענען. ווער רעדט נאך אז מען האט זוכה געווען און מען האט קינדער; די קינדער ווארטן א גאנצע וואך אויף שבת קודש, צו זיצן אביסל מיט זייער טאטע און מאמע ביים שבת טיש, באקומען אביסל אויפמערקזאמקייט, און הערן שיינע מעשיות און שיינע ניגונים וכו׳.

גרייט דיר אן שיינע מעשיות וואס צו דערציילן; קינדער האבן זייער ליב צו הערן מעשיות, און דאס ברענגט זייער גוטע תוצאות, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רמח): ״דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאד״, זאלסט וויסן - זאגט דער רבי - אז פארציילן מעשיות פון צדיקים איז זייער א גרויסע זאך, ״כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאד״. ווייל
~~~~~~~~~~

ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק, ווערט מען אויף געפלאמט, און מען באקומט א מורא׳דיגע חשק צו ווערן אן ערליכער איד; מען זעט ווי דער צדיק האט זוכה געווען און ער איז בייגעשטאנען אלע זיינע נסיונות, וויל מען אויך ווערן א צדיק, בפרט ווען א קינד הערט א מעשה פון א צדיק, ווערט ער זייער נתעורר דורך דעם.

עס איז באוואוסט אז דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט געפרעגט די מלמד פון זיינע קינדער צי ער לערענט מוסר מיט זיינע קינדער, האט דער מלמד געזאגט: ״יא״; האט ער אים געפרעגט: ״וואסערע מוסר ספרים לערנסטו מיט זיי?״ זאגט דער מלמד: ״חובות הלבבות״, זאגט אים דער הייליגער צאנזער רב: ״נישט די מוסר מיין איך, איך פרעג צי דו פארציילסט זיי מעשיות פון הייליגען רבי׳ן ר׳ אלימלך און פון זיין ברודער דער הייליגער רבי ר׳ זושא?״ ווייל מעשיות פון צדיקים פייערט אויף דאס הארץ צו זיין אן ערליכער איד.

דער רבי האט אמאל פארציילט ווי אזוי האט ער זוכה געווען אנצוהייבן דינען דעם אייבערשטן; ווען די תלמידים פון הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו פלעגן קומען קיין מעזיבוז צום ציון פון זייער רבי, פלעגן זיי אריין גיין אין הויז פון בעל שם טוב, און זיך דערמאנען די צייטן וואס זיי פלעגן זיין ביים בעל שם טוב; דער רבי איז געווען א קליין אינגל דעמאלט, און פלעגט זיך אונטער הערן די שמועסן פון די קדושי עליון, איינמאל האט דער רבי געהערט די מעשה ווי אזוי דער בעל שם טוב איז געבוירן געווארן, אז זיין מאמע שרה איז געווען זייער אלט בשעת זי האט געבוירן דעם בעל שם טוב, און זי איז גלייך דערויף נפטר געווארן, ווען דער בעל שם טוב איז אלט געווען פינף יאר האט אים זיין טאטע צוגערופן און אים געזאגט בזה הלשון: **״ישראליק! איך גיי יעצט אוועק פון דער וועלט כדרך כל הארץ, איך בעט דיר זאלסט נישט מורא האבן פון קיינעם, דו ביסט נישט אליין, דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר, נעבן דיר״**. אזוי איז נפטר געווארן דעם בעל שם טוב׳ס טאטע.

דער בעל שם טוב איז אלט געווען פינף יאר, און איז געווען איינער אליין אין א גרויסע וועלט. ער האט אבער שטענדיג געדענקט זיין טאטע׳ס לעצטע ווערטער: **״ישראליק! זאלסט נישט מורא האבן פון קיינעם, דו ביסט נישט אליין, דער אייבערשטער איז מיט דיר,**

**ביי דיר, נעבן דיר״.** אזוי איז ער אויף געוואקסן, און וואס ער האט נאר געדארפט האט ער געבעטן דעם אייבערשטער.

די מעשה האט דער הייליגער רבי געהערט ווען ער איז נאך געווען א קליין אינגל; גלייך ווען דער רבי האט געהערט די מעשה איז אריין אין אים א מורא׳דיגע חשק צו ווערן א צדיק, ער האט אנגעפאנגען צו טראכטן: ״געוואלד! איך וויל אויך זיין א צדיק! אפשר אז איך וועל דאס נאכטון, און אנהייבן רעדן צום אייבערשטן וועל איך אויך ווערן א צדיק״; דער רבי איז גלייך ארויס פון שטוב און געגאנגען צום ציון פון בעל שם טוב, און געוויינט צום אייבערשטן: ״רבונו של עולם, איך וויל זיין א צדיק״, ״איך וויל זיין אן ערליכער איד וכו׳״; ביז דער רבי האט זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען.

זעט מען פון דעם, אז ווען א קינד הערט א מעשה פון א צדיק, פלאקערט דאס אים אויף זיין הארץ צו ווערן א גרויסער צדיק.

זע צו רעדן צו דיינע קינדער זיי זאלן אכטונג געבן מיט וועם זיי חבר׳ן זיך; היינט אין אונזער דור זענען דא זייער אסאך מניוולים און משחיתים וואס זוכן צו מטמא זיין נשמות ישראל מיט עבירות. דערפאר איז א חיוב אויף עלטערן צו רעדן צו זייערע קינדער - סיי מיט די אינגלעך סיי מיט די מיידלעך, קלאר און דייטליך ברחל בתך הקטנה: ״קיינער קען דיך נישט צורירן וכו׳״ (ביים שרייבן - שרייבט מען ׳וכו׳, אבער פארן קינד זאגט מען נישט ׳וכו׳, וד״ל), און מען זאל אכטונג געבן ווען איינער איז זייער זיס וכו׳; מוהרא״ש זכרונו לברכה האט געזאגט אז זיין טאטע האט אים אייביג מזיר געווען ער זאל אוועק שטיין פון ביטערע מענטשן און פון זיסע מענטשן; ווען מען זעט איינער איז צו זיס - ער זוכט נאר צו קושן און צו גלעטן, דארף דאס אנצינדן א רויטע לעמפל; עלטערן דארפן זייער אכטונג געבן אויף די קינדער - וואו זיי זענען, און מיט וועמען זיי דרייען זיך וכו׳, נישט לעבן אין דמיונות (דינייעל) און אריין שטעקן דעם קאפ אין זאמד, און זאגן: ״מיינע קינדער זענען מסודר״.

איך שטאלציר זייער שטארק מיט אונזער מוסד; איך בין געווען א מלמד פינעף יאר פאר אינגלעך פון דרייצן פערצן יאר, און איך האב אנגעפאנגען רעדן א-ב מיט זיי, אז מען טאר נישט לייגן די הענט אויפן ברית קודש, מען דארף זיין הייליג, און זיי זענען געשטאנען

און מיר אנגעקוקט אזוי ווי דער האן קוקט אין די בני אדם, ווי איינער זאל אראפווארפן א באמבע; פלוצלינג האבן די קינדער אנגעפאנגן רעדן זאכן וואס זענען געוועזן באהאלטן ביי זיי, דער זאגט מיר אז זיינע עלטערן זענען אוועק געפארן און מען האט אים געשיקט צו א מומע און זי האט מיט אים רחמנא לצלן געטון עבירות יעדן טאג, א צווייטער קומט וויינען אז זיין פעטער האט געטון מיט אים עבירות, און אזוי ווייטער; קיינער האט זיי נישט אנגעגרייט אז עס זאל נישט פאסירן וואס האט פאסירט מיט זיי. אומשולדיגע קינדער, אומשולדיגע ריינע נשמות ווערן אריין געשלעפט אין די עקעלדיגע עבירה, ווייל מען האט זיי נישט אנגעגרייט.

ברוך השם ביי אונז אין חדר און אין מיידל סקול רעדט מען צו די קינדער אז קיינער קען דיר נישט צורירן, און אויב איינער כאפט דיך אן אויף דיינע פריוואטע פלעצער זאלסטו דאס פארציילן פאר דיין מלמד/טיטשער אדער עלטערן. וויפיל אינגעלייט מוטשען זיך היינט ווייל זייערע ווייבער זענען אומגליקליך געווארן ווען זיי זענען געוועזן מיידלעך, און היינט ווילן זיי נישט האבן קיין שום שייכות מיטן מאן, ווייל עס קומט זיי ארויף אלטע שרעקעדיגע זכרונות און טראמא לא עלינו; זיי פארלירן זייער טראסט אין מענער, ווייל זיי האבן אין קאפ א שרעק וכו'. וויפיל מעשיות האב איך געהערט ווי מענטשן וויינען: מיר זענען אומגליקליך, מיר ווילן נישט האבן מיטן ווייב - ווייל מען האט זיי געטשעפעט וכו'; ואי אפשר להאריך מפני הצניעות.

דערפאר דארף מען רעדן צו די קינדער, זיי מסביר זיין שיינערהייט וואס זיי האבן צו טון (נישט חס ושלום דערשרעקן, אז זיי זאלן באקומען א פחד פון מענטשן); ווייל אז מען רעדט צו די קינדער און מען זאגט זיי שיינערהייט אז עס זענען דא מענטשן וואס זיי זענען נישט געזונט זיי ווילן אנכאפן אויף נישט איידעלע פלעצער, און מען דארף זיך היטן פון זיי, דעמאלט שפארט מען איין אסאך עגמת נפש.

זע צו זינגען שבת די זמירות; אלע מלאכים ווארטן צו הערן ווי א אינגערמאן קומט אהיים פון שול און זינגט שיין די זמירות; דיין ווייב און קינדער וועלן זייער הנאה האבן פון א שיינע סעודה.

א פרוי באקלאגט זיך מיר אז זי גרייט אן א שיינע סעודה; זי קאכט און באקט און רוימט די הויז, און זיווארט צו האבן א שיינע סעודה, ביז דערווייל דערזעט צו זיך אז איר מאן קומט אהיים און מורמעלט זיך אונטער קידוש, קוים קוים וואס מען קען הערן א ווארט, און ער עסט אפ די סעודה אן קיין זינגען, אן קיין התחזקות און אן קיין ישר כח וכו׳ וכו׳, דאס טוט איר זייער וויי; דערפאר זאג איך דיר, מאך א שיינע סעודה און דו וועסט עסן די רווחים פון דעם.

א איד איז געקומען צו הרב וואזנער זכרונו לברכה, און זיך אויסגעגאסן זיין הארץ אז ער איז אראפגעפאלן אין שמוציגע עבירות, און ער פרעגט אים וואס ער זאל טון, און ער זאגט פאר הרב וואזנער: ״וואס דער רב וועט מיר זאגן וועל איך טון, אבער דער רב זאל מיר געבען א תיקון״. הרב וואזנער איז בלאס געווארן, ווייל ער האט נישט געקענט צו זיך קומען פון וואס דער איד פארציילט, און ער זאגט אים: ״איך געב דיר א תיקון, אז יעדע שבת זאלסטו זינגען אסאך זמירות ביי די סעודות״. דער איד האט געמיינט אז דער רב מאכט פון אים שפאס, אבער ער איד האט געפאלגט הרב וואזנער און ער האט זוכה געווען זיך ארויסצודרייען פון זיין בלאטע וכו׳.

מאך פרייליך דיינע קינדער, און זינג מיט זיי: ״גוטע נאש מען ברענגט אריין, די טאטע הייבט אן מסביר זיין, אז רעדן צום באשעפער איז די בעסטע זאך, אויב רעדט מען צום באשעפער באקומט מען יעדע זאך״.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א גוט שבת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א, ש'כח פאר אלע לעבנסוויכטיגע עצות.

אפשר קען איך בעטן דעם ראש ישיבה אז ס'זאל ארויסקומען א קונטרס וועגן די מחלה פון דייעביטיס; איך האב יעצט פרי-דייעביטיס, און דער דאקטאר זאגט אויב איך טו דאס נישט צוריק דרייען ביז דריי חדשים מוז איך גיין אויף מעדיצין פאר דייעביטיס.

עס כאפט מיר א ציטער ווייל איך ווייס אז מענטשן פאלן אריין אין דעם און מ'קען זיך נישט ארויס דראפען, בבחינת כל באיה לא ישובון ולא ישיגו ארחות חיים ר"ל. נאכדעם ווערט מען מער אויסגעשטעלט צו אינפעקשנ'ס ר"ל. דער דאקטאר זאגט אז אויב איך לאז אראפ פערציג פונט גייט אלעס בעזרת השם צוריק צו נארמאל. שטעלט זיך א פראגע, וואס פארא וועג צו גיין? ווען איך עס נישט קיין קארבס, פארליר איך זייער שנעל, אבער דאס קאסט אביסל מער, און ס'איז אביסל שווערער וועגן מיין דזשאב וואס איך דרייוו ארום לאנגע שעה'ן. איך האב געהערט וועגן פרוכט דייעט וואס מענטשן פארלירן זייער שיין אבער איך בין חושש וואס דאס מאכט אויס פאר איינער וואס האט שוין פרי דייעביטיס, הגם פאר א יונגע מענטש איז די פרוכט צוקער נישט קיין פראבלעם אבער אפשר ביי א פרי-דייעביטיס פאציענט איז עס יא א פראבלעם.

מענטשן וואס ליידן אויף דייעביטיס טארן בכלל נישט עסן זיסע פרוכט. איך האב פרובירט צו פרעגן דעס פון מיין דאקטאר אבער זיין ענטפער איז אז מ'זאל נישט גיין אויף א וועג פון עקסטרעם. נאר עסן א האלבע טעלער גרינס, א פערטל טעלער פראטיען, א פערטל טעלער גאנצע-תבואה קארבס.

דער ראש ישיבה האט מיר שוין אזויפיל עצות געגעבן וואס האט מיר געמאכט זען א קלארע וועג ווי אזוי צו גיין הלואי קען די ראש ישיבה מיך מחזק זיין אויך מיט עפעס א וועג אין דעם פלאנטער. אז די ראש ישיבה געט

אזויפיל צייט, כח און מח אז מענטשן זאלן לערנען און ענדיגן ש"ס און לעבן אין גן עדן, אפשר קען די ראש ישיבה אויך ארויס העלפן צו לעבן אן די שרעקליכע מחלה פון דייעביטיס.

שכח פאר אלעס.

משה

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת לך לך, ב׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד משה נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פארשטיי נישט וואס גייט פאר מיט דיר; דער דאקטער זאגט דיר קלאר אין פנים אז אויב דו גייסט נישט אכטונג געבן וואס דו עסט, גייסטו ליידן אויף צוקער השם ישמרינו, קומסטו מיר בעטן חיזוק? וואס איז דא א גרעסערע חיזוק פון דאס וואס דער דאקטער האט דיר געזאגט, אז דו דארפסט אכטונג געבן וואס דו עסט? א מענטש וואס הערט פונעם דאקטער אז אויב גייט ער נישט אכטונג געבן וואס ער עסט, ווערט ער ביז א חודש צוויי נעבעך געכאפט מיט די מחלה פון צוקער, וואס דאס ברענגט נאכדעם שרעקליכע זאכן; מען הייבט אן שניידן פונעם מענטש השם ישמרינו, אזא מענטש דארף נאך חיזוק?

איך מוז דיר זאגן, באמת איך פארשטיי דיר נישט; וואו קומט יעצט אריין שרייבן א קונטרס פאר מענטשן? איך מיין דו זאלסט איבער ליינען די שאלה וואס דו שרייבסט, ווי שיין דו ברענגסט ארויס די סכנה פון נישט אכטונג געבן וואס מען עסט, און דאס וועט דיר מחזק זיין.

איך האב גערעדט מיט דיר, איך האב דיר געזאגט אז דו דארפסט מאכן איבונגען יעדן טאג, ענטפערסטו מיר אז דו האסט נישט קיין צייט; איך וויל דיר פרעגן צי דו ביסט ביים דעת, דער דאקטער ווארענט דיר, ממש אזוי ווי חכמינו זכרונו לברכה זאגן (תורת כהנים, מובא ברש"י ויקרא טז, א): "מָשָׁל לַחוֹלֶה שֶׁנִּכְנַס אֶצְלוֹ רוֹפֵא, אָמַר לוֹ: 'אַל תֹּאכַל צוֹנֵן וְאַל תִּשְׁכַּב בְּטַחַב'; בָּא אַחֵר וְאָמַר לוֹ: 'אַל תֹּאכַל צוֹנֵן וְאַל תִּשְׁכַּב בְּטַחַב, שֶׁלֹּא תָּמוּת כְּדֶרֶךְ שֶׁמֵּת פְּלוֹנִי' - זֶה זֵרְזוֹ יוֹתֵר מִן הָרִאשׁוֹן", א משל צו א חולה וואס דער דאקטער זאגט אים: געב אכטונג נישט צו שלאפן אין א קאלטע פלאץ, און עס נישט קיין קאלטע עסן; נאכדעם איז דא א צווייטער דאקטער וואס זאגט אים: געב אכטונג נישט צו שלאפן אין א קאלטע פלאץ, און עס נישט קיין קאלטע עסן, 'זאלסט נישט שטארבן אזוי ווי דער און יענער', דער צווייטער דאקטער האט אים שוין מער געווארענט ווי דער ערשטער; דאס זעלבע זאג איך דיר: דו זאגסט אליין מיט דיין מויל אז דו גייסט נאך אביסל האבן לא עלינו צוקער, דער דאקטער הייסט דיר דו זאלסט גיין יעדן טאג מאכן איבונגען פאר דיין געזונט, ענטפערסטו אז האסט נישט קיין צייט?

זיי מיר מוחל אז איך שרייב דיר אזוי אין פנים אריין; א נארמאלע מענטש כאפט א שרעק ווען ער הערט אז ער האט צוקער אין די בלוט. א מענטש דארף זיין בעל הבית אויף זיך, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה לד, י): "הַצַּדִּיקִים - לִבָּם בִּרְשׁוּתָם", זייער הארץ איז אונטער זייער רשות, דאס מיינט אז ער קען זיך זאגן - ניין.

איך בעט דיר זייער טייערע ליבער משה נרו יאיר, פאלג דעם דאקטער, און קוק נישט אויף געלט; אמת, ווען מען עסט געזונטע עסן קאסט דאס אסאך מער ווי נישט געזונטע עסן, אבער וואס טוט מען נישט פארן לעבן, וואס האט מען פון געלט אז מען איז חס ושלום נישט געזונט?

קוק נישט אויף קיין צייט, ווייל דיין געזונט קומט פאר אלעס, און בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זיין געזונט. דער אייבערשטער איז דער אב הרחמן, און דער רופא נאמן; ווען א מענטש קומט צום אייבערשטן און בעט אים יעדע זאך, וועט אים דער אייבערשטער העלפן.

**דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט האבן א רפואה שלימה, און האבן שכל צו וויסן אז דאס לעבן איז נישט קיין שפיל.**

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד הראש ישיבה שליט"א,

קודם יישר כח פאר'ן אוועקגעבן צייט צו ענטפערן שאלות, און יעצט וואלט איך געוואלט פרעגן עטליכע שאלות.

שאלה א', לויט ווי מוהרא"ש זאגט אז די ערשטע זאך זאל מען ארבעטן אויף שמחה, איז וואס זאל מען טון ביז מען איז קונה די מדה, זאל מען נישט ארבעטן אויף אנדערע זאכן ווי שלום בית און חינוך הבנים? עס קען דאך אדורך גיין יארן ביז מען איז קונה די מדה.

שאלה ב', אויך וואלט איך געוואלט פרעגן ווי אזוי קען מען האבן הכרת הטוב פאר'ן רבש"ע אויף דעם וואס ער האט באשאפן די נשמה וואס דעמאלט איז דא נהמא דכסיפא און ממילא מוז די נשמה אראפקומען דא אויף די וועלט און אדורך גיין אלע שוועריקייטן, סיי צדיקים און אוודאי רשעים. עס וואלט לויט די פראסטע שכל געווען בעסער אז די נשמה זאל בכלל נישט באשאפן ווערן, אזוי ווי די ספרים פרעגן וואס איז די גרויסקייט פון יציאת מצרים אז ער האט אונז אריינגעברענגט אין מצרים און די תירוץ וואס זיי ענטפערן כדי זיי אויס צולייטערן איז נישט שייך דא.

שאלה ג', איר דערמאנט אסאך אין אייערע שיעורים אז מען קען לעבן דא אויף די וועלט בגשמיות און דאך דינען השי"ת, עס נישט קיין סתירה, איז מיר שווער ווייל אין שו"ע שטייט סימן רל"א בערך, אז א מענטש זאל נאר טון אלע זיינע עניני גשמיים נאר אויב עס איז א צורך אין עבודת השם, צום ביישפיל נישט עסן אדער שלאפן מער וויפיל עס פעלט אויס.
~~~~~~~~~~

א גרויסן יישר כח.

עקיבא יוסף

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט''א:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת לך לך, ב׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד עקיבא יוסף נרו יאיר**

איך האב דערהאלטן דיין בריוו.

איך וועל פרובירן צו ענטפערן על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן נב): ״צְרִיכִים לְבַקֵּשׁ קוֹדֶם עַל מִדָּה אַחַת, וּכְשֶׁשּׁוֹבְרִים אֶת הַמִּדָּה הַזּוֹ, אָז צְרִיכִים לְהִתְפַּלֵּל עַל מִדָּה שְׁנִיָּה, וְכֵן לְבַקֵּשׁ בְּכָל פַּעַם עַל מִדָּה אַחֶרֶת עַד שֶׁיְּבַטֵּל מִמֶּנּוּ אֶת כָּל הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת רָעוֹת״, א מענטש זאל קודם נעמען איין מדה און בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, און ווען ער האט שוין צעבראכן די שלעכטע מדה זאל ער נעמען נאך א מדה און בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, ביז ער וועט זוכה זיין צו צעברעכן אלע זיינע שלעכטע מידות.

שטעלט זיך די קשיא: ביי וועלכע מדה הייבט מען אן, אויף וועלכע מדה זאל מען בעטן ערשט? מוהרא״ש פלעגט שטענדיג זאגן אז די ערשטע זאל מען בעטן אויף ״שמחה״, ווייל איינמאל מען איז פרייליך, פאלט שוין אוועק אלע מידות רעות און שלעכטע תאוות, און אז מען איז פרייליך, האט מען נישט אזויפיל פראבלעמען. דאס מיינט נישט צו זאגן אז א מענטש דארף נישט בעטן אויף שלום בית, אויף קינדער, און אויף פרנסה וכו׳ וכו׳, פארקערט, דער עיקר שלימות פון התבודדות איז ווען דער מענטש רעדט זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן אזוי ווי ער רעדט צו א גוטע חבר; אודאי דארף מען בעטן אויף

גוטע קינדער, טייכן טרערן דארף מען פארגיסן צום אייבערשטן אז די קינדער זאלן זיין ערליכע אידן.

נאר ווען א מענטש וויל אויסארבעטן זיינע שלעכטע מידות, און ער בעט דעם אייבערשטן ער זאל האבן גוטע מידות, אויב הייבט מען אן מיט שמחה, פאלן אוועק אלע שלעכטס, ווייל ווען א מענטש איז טרויעריג און דעפרעסט, דעמאלט פאלט ער אריין אין כעס און אין שלעכטע מעשים, אזוי אויך ער פאלט אין קדושה, ווייל אלע פראבלעמען הייבן זיך אן ווען מען איז נישט פרייליך. דערפאר דארף א מענטש פרובירן מיט אלע זיינע כוחות צו זיין שטענדיג פרייליך, און שטענדיג בעטן דעם אייבערשטן ער זאל זיין פרייליך.

דאס וואס דו פרעגסט פארוואס מען איז באשאפן געווארן וכו'; עס איז נישט כדאי אריין צו גיין אין די אלע חקירות וכו', ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן יב): "כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", ווען א מענטש גייט נאך זיין שכל און זיין חכמה, קען ער צוקומען צו מאכן גרויסע טעותים און צו גרויסע פראבלעמען, "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", עס זענען געווען גרויסע רשעים וואס האבן פארדרייט דער וועלט, און אלעס האט זיך אנגעהויבן ווייל זיי זענען נאך געגאנגען נאך זייערע חכמות; דער רבי זאגט דארט ווייטער: "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דער עיקר פון אידישקייט איז, מען זאל פאלגן די הייליגע תורה בתמימות ובפשיטות, און פאר מען טוט א זאך זאל מען קוקן צי דאס איז דער רצון פונעם אייבערשטן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עירובין יג:): "נוֹחַ לוֹ לָאָדָם שֶׁלֹּא נִבְרָא יוֹתֵר מִשֶּׁנִּבְרָא, וְעַכְשָׁיו שֶׁנִּבְרָא יְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו", עס איז בעסער פארן מענטש ער זאל ווען נישט באשאפן ווערן, אבער יעצט אז מיר זענען שוין באשאפן געווארן זאל מען זען ארייננצוכאפן ווי מער מצוות ומעשים טובים; דערפאר, אז דער אייבערשטער האט אונז באשאפן, דארפן מיר אים דאנקען און לויבן אן קיין חכמות וכו'.

ר׳ נתן האט געזאגט: ווען דער אייבערשטער זעט ווי א מענטש דאנקט און לויבט אים, זאגט דער אייבערשטער פאר די מלאכים: ״קוקט אן דעם איד, ער האט גארנישט און ער דאנקט מיך, איך וועל אים ווייזן וואס גוטס מיינט״, און פארקערט אויך, ווען דער אייבערשטער הערט ווי איינער הערט זיך נישט אויף אפצורעדן, זאגט ער: ״איך וועל אים ווייזן וואס שלעכטס מיינט״.

דאס וואס דו פרעגסט ווי אזוי קען מען לעבן מיטן אייבערשטן צוזאמען מיט עולם הזה וכו׳, אמער עס שטייט דאך אין שלחן ערוך (אורח חיים, סימן רלא) אז מען טאר נישט הנאה האבן פון עסן און שלאפן, און פון אנדערע הנאות; דיין קשיא איז דער תירוץ, קוק אריין דארט אין שולחן ערוך (שם) ווי דער מחבר רעכענט אויס אלעס וואס דער מענטש טוט - עסן, שלאפן, וכו׳ וכו׳, אז מען זאל אלעס טון מיטן אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (משלי ג, ו): ״בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ״. דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן נא): ״ווי איז שייך תאוות, עסן דארף מען אז מען זאל קענען לעבן, שלאפן דארף מען כדי מען זאל קענען האבן כח צו דינען דעם אייבערשטן, און חתונה האבן דארף מען ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן, ממילא ווי איז שייך תאוות?

דער רבי האט געזאגט, ווען ער זאל וויסן אין זיין יונגע יארן צו וואס מען קען צו קומען דורך התבודדות, וואלט ער זיך נישט מסגף געווען אין די אינגע יארן; דער עיקר דארף א מענטש אויסניצן זיינע טעג און יארן מיט לימוד התורה און תפילה.

דער רבי האט אונז געגעבן א גרינגע דרך הלימוד, א וועג ווי אזוי יעדער איד קען זוכה זיין צו לערנען די הייליגער תורה. אפילו איינער וואס האט נישט קיין מח, און ער פארשטייט נישט קיין לערנען - קען אויך זוכה זיין צו ענדיגן כל התורה כולה אויב פאלגט ער דעם רבי׳ן און הייבט אן לערנען כסדרן, אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן עו): ״הָעִקָּר הִיא הָאֲמִירָה, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר וּמִמֵּילָא יָבִין״, דער עיקר זאל מען זען צו זאגן די ווערטער פון די תורה, אפילו מען פארשטייט נישט, און ביים סוף וועט מען פארשטיין. דערפאר בעט איך דיר זייער, זיי קלוג און זע צו לערנען יעדן טאג אביסל חומש, משניות, גמרא און הלכה, נאר דאס וועט איבער בלייבן פון אונז, און נאר דאס מאכט פרייליך א מענטש, פון אלע חקירות און חכמות האט דער מענטש גארנישט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

רציתי להודות מכל הלב להרב הראש ישיבה שליט"א על החיזוק הגדול שמקבלים מהשיעורים שמחזק ומעודד כל כך הרבה אנשים ואני בתוכם. זכות הרבים תלוי בכם.

רציתי לשאול עד כמה "השיעור" של השתדלות בענין הפרנסה? ממתי כבר לא צריכים שום השתדלות אלא להאמין ולבטוח בהשם שהוא זן ומפרנס לכל?

יישר כוח גדול

יוסף

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת לך לך, ד׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד יוסף נרו יאיר**

איך האב דערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

וויסן זאלסטו אז אמונה און בטחון קומט נישט אריין ווען מען זעט אז מען איז נישט מצליח וכו׳, נאר א מענטש דארף לעבן מיט אמונה ובטחון סיי ווען עס גייט אים גוט און סיי ווען עס גייט אים פארקערט ווי ער וויל.

א מענטש דארף גוט אריין נעמען אין זיך אז די גאנצע וועלט איז איין שטיק אייבערשטער און איך שטיי אינדערמיט; ווי מער א מענטש נעמט אריין אין זיך אז אלעס איז דער אייבערשטער, און דער אייבערשטער איז ממלא כל עלמין און מסובב כל עלמין, עס איז נישט דא קיין מציאות אויסערן אייבערשטן, און אין יעדע איינציגסטע תנועה איז דארט באהאלטן דער אלופו של עולם, דאס איז די גרעסטע הנאה און געשמאק וואס מען קען האבן אויף דער וועלט. מען שפירט שוין אויף די וועלט די הנאה וואס מען גייט זוכה זיין צו שפירן אין ׳גן עדן׳.

דערפאר זאלסטו זיך מחזק זיין אין אמונה, און גלייבן אז קיינער קען דיר נישט געבן קיין פרנסה און קיינער קען דיר נישט צו נעמען דיין פרנסה, ווייל נאר דער אייבערשטער איז דער וואס געבט פרנסה. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא לח.): ״בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לְךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ, אֲפִילּוּ כִּמְלֹא נִימָא״, קיינער קען גארנישט צונעמען פון א צווייטן; איי וועסטו פרעגן: ׳פארוואס דארף מען גיין ארבעטן? אויב אלעס איז דער אייבערשטער, וועל איך בלייבן זיצן אין שטוב, וואס האב איך צו ארבעטן?׳ אויף דעם זאגן שוין חכמינו זכרונם לברכה (ספרי דברים, פרק טו, פיסקא קנח) אויפן פסוק (מלשון הכתוב דברים טו, יח): ״וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה, יָכוֹל יְהִי יוֹשֵׁב וּבָטֵל? תַּלְמוּד לוֹמַר בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה״, מען דארף ארבעטן, און דער אייבערשטער שיקט אריין די ברכה מען זאל פארדינען פרנסה.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט דערציילט, א איד איז געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו, און ער האט אויסגעבראכן אין א געוויין: ״רבי, מיין פרנסה געבער איז געשטארבן״; דער איד האט געהאט א קו, און ער פלעגט מעלקן מילך פונעם קו און פארקויפן די מילך, און פון דעם האט ער געהאט פרנסה, צופרי איז ער אריין אין שטאל און געטראפן זיין קו טויט, און ער איז געקומען צום חפץ חיים דערציילן איבער זיין צרה, דער חפץ חיים האט אים געוואלט בארואיגן, אבער דער איד וויינט און שרייט אז ער גייט שוין שטארבן פאר הונגער ווייל ער האט מער נישט קיין פרנסה, זאגט אים דער הייליגער חפץ

חיים: "דיין פרנסה געבער איז דער אייבערשטער, און ער וועט דיר ווייטער געבן פרנסה; חס ושלום צו טראכטן אז דיין פרנסה איז געקומען פון א קו, נאר די וועג ווי אזוי דו האסט געהאט פרנסה איז געווען דורך די קו, און יעצט וועט קומען דיין פרנסה דורך אן אנדערע וועג".

די מעשה דארף מען גוט אריינעמען אין זיך, אז מיר זאלן זיך נישט איינרעדן פאר איין מינוט אז די פרנסה קומט פון די ארבעט, און אויב מען וועט פארלירען די ארבעט וועט מען אויסגיין פאר הונגער וכו', אדער אנדערע מחשבות וואס קומען אריין אינעם מענטש: 'וואס וועט זיין?' 'ווי אזוי וועל איך האבן געלט?' נאר א מענטש דארף זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן, אז דער אייבערשטער האט זיך שוין זיינע וועגן ווי אזוי ער העלפט דעם מענטש. אזוי ווי חכמינו זכרונו לברכה זאגן (תענית ב.): "מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה הִיא בְּיַד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**תוכן השאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב זייער הנאה פון די שיעורים און פון די בריוון. איך האב נעכטן געזען א בריוו פון א בחור וואס ער שרייבט, 'איך פאל אין איך פאל אין איך פאל'. איך האב מיך ממש צוקייכט ווי א בעיבי, ווייל... טייערער ראש ישיבה וואס זאל איך זאגן, אז איך בין שוין א יונגערמאן איך האב א שיינע ווייב מיט גוטע שלום ביית, איך זאג משניות און מעביר סדרה, און איך פאל און איך פאל מיט ביטערע עבירות.
~~~~~~~~~~

איך ווין... ווייל דער בחור האט איר מחזק געווען ער זאל טרעפן א שידוך, אבער איך האב שוין א שידוך, אבער די רגילות וואס איך האב מיך צוגעוואוינט פון קינדווייז צו הוצאת זרע לבטלה, און בפרט אז היינט איז אזוי גרינג צו טמא ווערן ווייל דער אינטערנעט פארברענט מיך מיט עקלדיגע שמוץ.

איך האב שלום בית, און איך בין אינאיינעם מיט מיין ווייב אן קיין פרישות, אזוי ווי איר לערנט אויס אין די שיעורים, אבער גארנישט העלפט מיר נישט, די פייער פון שמוץ איז שטערקער פון אלעס אויף די וועלט.

איך ווייס נישט אויב ס'דא א תקנה פאר מיר, נאר אויב די תפילות וואס איך בעט וועט נאך איין שיינעם טאג העלפן, דאס איז מיין האפענונג. איך בין א יונגערמאן נישט א בחור, העלף מיד!

יואל

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת לך לך, ד׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד האברך היקר יואל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב געליינט דיין ווייגעשריי; וויסן זאלסטו, אז ווען א מענטש וויל תשובה טון און ארויס גיין פון זיינע שלעכטע מעשים, דארף ער האבן מורא׳דיגע סבלנות, ווייל עס גייט נישט אין איין מינוט. ווען דער יצר הרע זעט ווי איינער וואס איז שוין געווען ביי אים אין זיין טאש וויל זיך ארויס רייסן פון אים, דעמאלט פרובירט ער מיט אלע כחות אים צוריק אריין צו שלעפן אין זיינע אלטע מעשים וואס ער האט געטון, און ער פרובירט מיט אלע כחות צוריק אראפ צו ווארפן דעם מענטש, און אים צוריק שלעפן צו זיינע אלטע מעשים, דעריבער דארף מען האבן אסאך סבלנות ביז מען ווערט פטור פון דעם יצר הרע, און מען דארף אסאך שרייען צום אייבערשטן: ״רבונו של עולם, נעם מיך ארויס פון מיין בלאטע,

העלף מיר טאטע, איך וויל זיין אן ערליכער איד", ביז מען איז זוכה ארויס צו קריכן פון די טומאה.

דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו טייטשט וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא כ:): "כְּבָר צָוַוח הַכֹּהֵן אָנָּא הַשֵּׁם, וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בִּירִיחוֹ", זאגט ער (נועם אלימלך, תחלת פרשת וישלח): "שֶׁזְּמַן אָרוֹךְ צָרִיךְ הָאָדָם לִצְעֹק אָנָּא הַשֵּׁם, עָזְרֵנִי שֶׁאֶזְכֶּה לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת, וְאָז וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ, אֲבָל לֹא בְּיָמִים מוּעָטִים", מען דארף שרייען א לאנגע צייט צום אייבערשטן ביז מען איז זוכה צו ווערן א צדיק.

וויסן זאלסטו אז ווען א מענטש טוט תשובה איז ער זייער חשוב ביים אייבערשטן, עד כדי כך, אז חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לד:): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין, צַדִּיקִים גְּמוּרִים אֵינָם עוֹמְדִין", אין הימל איז זייער חשוב א מענטש וואס קומט צוריק צום אייבערשטן און טוט תשובה; מען דארף אבער האבן אסאך סבלנות ביז מען איז זוכה אריין צו קומען אין די קדושה, בפרט איינער וואס איז שוין געווען אין די הענט פונעם סמך-מ"ם, ער איז געווען צוגעוואוינט צו טון עבירות, בפרט די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, וואס ווען מען זינדיגט אין פגם הברית, רייסט מען זיך אפ פונעם אייבערשטן; ווען אזא מענטש טוט תשובה, דארף ער האבן אסאך סבלנות ביז ער איז זוכה אריין צו קומען אין די קדושה.

דער זוהר הקדוש זאגט (וישב קפח.; ויחי ריט.) אז אויף פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה העלפט נישט קיין תשובה, אבער דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עא) אז עס העלפט יא תשובה, און אויף יעדע עבירה וואס א מענטש האט נאר געטון העלפט תשובה, נאר דאס וואס דער זוהר הקדוש זאגט אז עס העלפט נישט קיין תשובה, האט דער רבי געזאגט: "קיינער פארשטייט נישט פשט אין דעם זוהר, נאר איך"; פרעגט ר' נתן זכרונו לברכה: "ווי אזוי קען זיין אז אויף א זאך וואס דער זוהר הקדוש זאגט אז עס העלפט נישט קיין תשובה, קומט דער רבי זאגן אז עס העלפט יא תשובה?" נאר באמת אויף יעדע זאך העלפט תשובה, איי, פארוואס זאגט דער זוהר אז עס העלפט נישט קיין תשובה?

נאר וויבאלד דער מענטש האט זיך מטמא געמאכט מיט די מיאוס'ע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, האט ער זיך אפגעריסן פונעם אייבערשטן,

דורכדעם וואס ער האט געטון אזא הארבע עבירה וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדה יג.): "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן: כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", רבי יצחק זאגט: "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", רב אסי זאגט: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה"; ממילא דארף ער אריבער גיין דעם נסיון, אז מען פרובירט אים אויס זייער שטארק. אויב דער מענטש איז שטארק, ער מאכט אפ ביי זיך: 'יעבור עלי מה, איך וועל נישט אפלאזן דעם אייבערשטן, זאל זיין וואס זאל נאר זיין', דעמאלט איז ער זוכה צו תשובה טון, אבער אז א מענטש האט נישט קיין שכל, און הייבט אן זאגן: 'איך וועל שוין סיי ווי נישט זיין קיין צדיק', 'איך וועל שוין סיי ווי נישט זיין קיין ערליכער איד', 'מיר העלפט נישט קיין תשובה'; דעמאלט בלייבט ער נעבעך אין זיינע אלטע מעשים רחמנא לצלן.

דאס איז פשט וואס דער רבי זאגט אז עס העלפט זיכער תשובה, אפילו אויף פגם הברית, און דאס איז די תשובה - אז א מענטש קוקט נישט אויף גארנישט, ער וויל נישט גארנישט און ער דארף נישט גארנישט, נאר דעם אייבערשטן אליין, אפילו מען זאל אים אויף ווייזן קלאר אז ער קען שוין נישט תשובה טון, און ער זעט בפועל אז ער קען נישט ארויס קריכן פון זיינע אלטע רגילות'ער צו וואס ער איז צוגעוואוינט, דאך זאגט דער מענטש: 'מיר גייט גארנישט אן, איך וועל נישט אפלאזן דעם אייבערשטן, איך וועל פרובירן איין מאל ווייניגער צו טון אן עבירה, איך וועל געבן איין קוק ווייניגער וואו מען טאר נישט' - דאס איז זיין תשובה.

דערפאר בעט איך דיר טייערער ברודער, שטארק דיך און געב נישט אויף; דו זיי ממשיך מיט זאגן משניות און מעביר סדרה זיין, און פיר דיך אין שטוב מיט דיין ווייב אן קיין פרישות וכו' אזוי ווי דו שרייבסט מיר, און אפילו דו זעסט נישט ווי עס העלפט דיר זאלסטו ווייטער ממשיך זיין, ווייל דאס אליינס אז דו בעסט נאך הילף, דו וויינסט נאך, דאס איז נאר ווייל דו פאלגסט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

אויפן פסוק (שמות ב, ו): "וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה, וַתַּחְמֹל עָלָיו, וַתֹּאמֶר מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה", זאגט דער זוהר הקדוש (שמות יב:): "אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, כָּל מִלִּין דְּעָלְמָא תַּלְיָין בִּתְשׁוּבָה, וּבִצְלוֹתָא דְּצַלֵּי בַּר נָשׁ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וְכָל שֶׁכֵּן, מַאן דְּאוֹשִׁיד דִּמְעִין בִּצְלוֹתֵיהּ, דְּלֵית לָךְ תַּרְעָא, דְּלָא עָאלִין אִינּוּן דִּמְעִין", עס איז נישט דא קיין זאך וואס עס נוצט נישט דערויף תשובה, בפרט ווען א מענטש וויינט צום אייבערשטן; קיין שום טיר איז נישט פארמאכט פאר א

מענטש וואס קומט צום אייבערשטן און וויינט זיך אויס צו אים, און זאגט: ״רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות, איך זינק אין בלאטע, איך זינק אין די טומאה, איך קוק שמוציגע זאכן, און איך פאל נאך דעם אריין אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית, איך האלט אין איין זינדיגן; הייליגער באשעפער, איך ווער פארברענט פון קוקן שמוץ, העלף מיר, האב רחמנות אויף מיר, וואס זאל איך טון אז איך האב מיר צוגעוואוינט פון קינדווייז אן, איך האב מיר נישט געהיטן פון קינדווייז אן, ביז דאס איז שוין ביי מיר געווארן ווי א רגילות וכו׳ וכו׳; זאגט דער זוהר הקדוש: ״וַתִּרְאֵהוּ אֶת הַיֶּלֶד, יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים, דְּאִינּוּן יִשְׂרָאֵל, דְּמִתְחַטָּאן קָמֵי מַלְכֵּיהוֹן בְּכֹלָּא, וּמִיַּד דְּמִתְחַנְּנָן קָמֵי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, הַדְּרֵי בִּתְשׁוּבָה, וּבָכָאן קָמֵיהּ, כִּבְרָא דְּבָכֵי קָמֵי אֲבוֹי, מַה כְּתִיב, וְהִנֵּה נַעַר בּוֹכֶה. כֵּיוָן דְּבָכֵי, אִתְעֲדוּ כָּל גִּזְרִין בִּישִׁין דְּעָלְמָא, מַה כְּתִיב? וַתַּחְמוֹל עָלָיו, אִתְּעַר עֲלוֹי בְּרַחֲמִים, וּמְרַחֵם לֵיהּ״, ווען דער אייבערשטער זעט ווי א איד וויינט צו אים, זאגט דער אייבערשטער: ״אלע גזירות זאל מען צערייסן״, און ער האט רחמנות אויף אים.

מען זעט, ווען א קינד פאלט אראפ און כאפט א שטארקע קלאפ, וואס איז דער סימן צו דער קינד איז בסדר צי נישט? אויב מען הערט ווי דער קינד וויינט, איז א סימן אז אלעס איז בסדר, ער לעבט, און מען ווערט רואיג, אבער אויב מען הערט נישט ווי ער וויינט, דעמאלט איז זייער ביטער, ווייל דאס איז דער סימן פון א לעבעדיגע קינד - אז ער וויינט ווען ער פאלט אראפ. דאס זעלבע איז מיט א איד - ווען ער פאלט אראפ ברוחניות, ווי לאנג מען שרייט צום אייבערשטן, איז א סימן אז דער מענטש לעבט, זיין נשמה איז נאך נישט אינגאנצן פארשלאפן.

דערפאר טייערער ברודער, איך האב געליינט דיין בריוו וואו דו וויינסט און דו שרייסט אז דו האלטסט נישט אויס, זאלסטו וויסן, אז דאס אז דו וויינסט, דו בעטסט דעם אייבערשטן, דאס אליין איז א סימן אז דו ביסט נאך אויף, און דער אייבערשטער וועט דיר העלפן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד די ראש ישיבה שליט"א

ערשטנס וויל איך זיך באדאנקען פאר אלעס וואס די ראש ישיבה טוט פאר מיר!

איך הער די שיעורים פון די ראש ישיבה, און אדאנק די שיעורים האב איך מיך אויסגעלערנט ווי אזוי צו רעדן צו די אייבערשטער און אים דערציילן אלעס וואס באדערט מיך. אזוי אויך, אדאנק די שיעורים לערן איך יעדן טאג חומש און משניות, און איך זאג תהלים יעדן טאג.

איך וואלט געוואלט בעטן, אויב די ראש ישיבה קען ביטע מיטטיילן אמת'ע אוןווירקליכע לעבנס געשיכטעס פון בחורים און אינגעלייט וואס זענען געווען עדיקטעד צו אומאיידעלע ווידיאוס וכדו', וואס דערציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס באדערט, און אים בעטן פאר הילף, און לערנען חומש, משניות, און זאגן תהלים יעדן טאג האט זיי אוועקגענומען פון זייער עדיקשן, און היינט צו טאגס זיי זענען מער נישט צוגעבינדן צו דעם.

(איך פרעג דאס, ווייל עס זענען דא וואס זאגן, אז איינער וואס איז עדיקטעד דארף זיך גיין באהאנדלען און דורכגיין דעם 12 סטעפס פראגראם, מאכן מיטינגען מיט נאך מענטשן וואס ליגן אין דעם עדיקשן, און ווערן באגלייט דורך א ספאנסער.

און איך האב שוין געהערט ווי די ראש ישיבה קריטיקירט דעם מהלך פון דערציילן פאר אנדערע פריוואטע דורכפעלער...)

איך וואלט געווען זייער דאנקבאר פאר די ראש ישיבה צו באקומען אן אנטווארט ווי אמשנעלסטן, ווייל די מצב איז אומדערטרעגליך.

מיט פיל כבוד און שעצונג פאר אייער עבודת הקודש.
~~~~~~~~~~~

דוד

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת לך לך, ה׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד דוד נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

געלויבט דעם אייבערשטן אז עס איז שוין די צענטע יאר פון ווען דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה צו האבן די ישיבה, וואו איך לערן תורה מיט אידישע קינדער; אין ישיבה האבן זיך שוין אדורך געדרייט טויזענטער בחורים. וואס זאל איך דיר זאגן, אלע בחורים וואס האבן גענומען דעם רבינ׳ס עצות בתמימות ובפשיטות, די אלע האבן זייער שיין מצליח געווען אין לעבן; זיי האבן חתונה געהאט און האבן אויפגעשטעלט שיינע שטובער, ווייל ווער עס פאלגט דעם רבינ׳ס עצות ווערט א נייער מענטש; דער רבי געבט א נייער מח, א נייער הארץ.

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן יט): ״אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְּלָן״, אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן, און ער איז שוין אראפגעפאלן אין שאול תחתית, ״אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״, אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג ״כך וכך״, וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס, אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

ווען דער רבי האט דאס געזאגט, האט ר׳ נתן געפרעגט דעם רבי׳ן: ״צי תורה קען אויך העלפן אזא איינעם וואס איז אראפגעפאלן אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן?״ האט דער רבי געשריגן אויף אים און געזאגט: ״דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז? תורה איז העכער פון אלעס; אפילו א מענטש וואס וויקט זיך אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, אויב דער מענטש וועט לערנען יעדן טאג ׳כך וכך׳, וועט ער ווערן אן ערליכער איד!״ איך מיין אז איינמאל מען הערט אזא שיחה פון רבי׳ן איז שוין ביטול הבחירה, ווייל וואו דער ס״מ זאל דיך נאר ארייןווארפן, און וואס עס זאל נאר איבער גיין אויף דיר, האסטו שוין א וועג פון רבי׳ן ווי אזוי מען קען ארויס גיין פון דארט.

דאס גייט ארויף אויף א מענטש וואס האט זיך נעבעך אויסגעברענט זיין מח מיט עקעלדיגע מאוויס, ביז ער איז נעבעך אריין געפאלן אין קוקן די גרויליגסטע סארט מאוויס רחמנא לצלן, וואס עס איז זייער שווער ארויס צו קריכן פון דעם; אויב אבער דער מענטש וועט נעמען דעם רבינ׳ס עצות און דאס אויספאלגן, וועט ער ארויס קריכן פון זיין בלאטע. בפרט אז מען נוצט די עצה פונעם רבינ׳ס דרך הלימוד; וואס בדרך כלל די אלע וואס פאלן אריין אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, זיי האבן זיך שוין אנגעזען מיט אלע שמוץ וואס עס איז דא אויף דער וועלט, און זיי האבן שוין נישט קיין מח צו פארשטיין לערנען, ווייל דער מח איז זיי פארברענט געווארן פון די עבירה, די איינציגסטע וועג פאר זיי איז אז זיי זאלן נעמען דעם רבינ׳ס דרך הלימוד (כמבואר בשיחות הר״ן סימן עו) און גורס זיין אסאך פרקים משניות, אפילו בלי הבנה כלל, און דאס וועט אים ארויס שלעפן פון זיין פלאנטער, און אים אפהאלטן פון זיין רגילות.

דו שרייבסט מיר איך זאל דיר דערציילן אמת׳ע מעשיות פון בחורים וואס זענען ארויס געקראכן פון זייערע נישט גוטע מעשים דורך די עצות פון רבי׳ן; געלויבט דעם אייבערשטן אז שוין צען יאר וואס די ישיבה שטייט, און בחורים און אינגעלייט קומען בעטן עצות ווי אזוי ארויס צו קריכן פון זייער בלאטע, בחורים וואס פון אינדרויסן זעען זיי אויס ווי ערנסטע בחורים וכו׳ וכו׳, און זיי שרייען: ״ראטעווע אונז פון אונזער זומפ, מיר זינקן אין בלאטע, מיר זינקען אין עבירות״, און נאר די עצות פון רבי׳ן האט זיי געהאלפן; זיי האבן אלע חתונה, און הייבן ברוך ה׳ אן א שיינע לעבן.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן צו וואס מען קען זוכה זיין אז מען נעמט אן דעם רבינ׳ס עצות מיט א תמימות און פשיטות, און צו וואס א מענטש קען זוכה זיין דא בזה העולם. פון אינדרויסן זעט מען גארנישט, מען זעט מען אויס זייער פשוט, אבער דער מענטש איז צוגעקלעבט צום אייבערשטן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לד:): ״בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין, צַדִּיקִים גְּמוּרִים אֵינָם עוֹמְדִין״, א צדיק גמור קען אויך נישט אנקומען דארט וואו א בעל תשובה קומט אן.

דו בעטסט מיר איך זאל דיר פארציילן מעשיות פון מענטשן וואס זענען ארויס געקראכן פון זייערע שמוציגע מעשים דורך די עצות פון רבי׳ן; איך בעט דיר פארקערט, דו שרייב מיר מעשיות פון מענטשן וואס האבן אפגעלאזט זייערע שלעכטע רגילות׳ער אן תורה און אן תפילה, נאר דורך גוי׳אישע מעטאדן וכו׳; א איד קען נישט געהיילט ווערן מיט גוי׳אישע וועגן וכו׳ וכו׳, א איד האט בלויז איין עצה, דער עצה איז תורה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין ל:) דער אייבערשטער זאגט פאר די אידן: ״בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין״, מיין קינד, איך האב באשאפן דעם יצר הרע אבער איך האב באשאפן די הייליגע תורה, ״אִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ״, אויב לערנסטו תורה וועסטו נישט זיין אונטער אים, ״וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ״, און אויב לערנסטו נישט קיין תורה, וועסטו זיין אונטער אים.

די איינציגסטע עצה פאר א איד ארויס צו גיין פון זיינע נישט גוטע מעשים - איז תורה; מען דארף נאר האבן א עצה אויף די עצה, מען דארף אן עצה צו לערנען; דא קומט אריין דער הייליגער רבי אין בילד, דער רבי האט אזא זיסע וועג צו לערנען, א וועג פאר יעדן איינעם, א וועג פאר יונג און אלט, נישט קיין חילוק ארעם אדער רייך, א וועג פאר קלוגע און נישט קלוגע. דער וועג איז - מען זאל אנהייבן לערנען די הייליגע תורה אפילו מען פארשטייט נישט; מען זאל לערנען תורה לשמה, פארן אייבערשטנ׳ס וועגן, אפילו איך פארשטיי נישט וואס איך לערן, איך פארשטיי נישט וואס איך זאג, דאך לערן איך די הייליגע תורה, ווייל איך גלייב אז דאס איז מיין רפואה, איך גלייב אז (אבות ו, ז): ״גְּדוֹלָה תּוֹרָה שֶׁנּוֹתֶנֶת חַיִּים״ תורה געבט לעבן; איך גלייב אז (עירובין נד.): ״חָשׁ בְּרֹאשׁוֹ יַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה״, תורה איז א רפואה פאר מיין קאפ; מיין קאפ איז פארדרייט מיט שלעכטע מחשבות, די תורה וועט עס צוריק דרייען; איך גלייב אז תורה איז א רפואה פאר אלע מיינע פראבלעמען אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה (עירובין, שם): ״חָשׁ בְּכָל גּוּפוֹ יַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה״.

חכמינו זכרונו לברכה זאגן (כתובות עז:) רבי יוחנן האט אויסגערופן: "געבט אכטונג פון די פליגן וואס זענען געווען ביי די מענטשן וואס האבן די מחלה וואס הייסט "בַּעֲלֵי רָאתָן". רבי זירא איז נישט געזיצן אויף די זייט וואו די ווינט בלאזט, אויב זענען דארט געווען מענטשן מיט די מחלה פון "בַּעֲלֵי רָאתָן"; רבי אליעזר איז נישט אריין אין א הויז אויב איז דארט געווען אזא מענטש מיט די מחלה פון "בַּעֲלֵי רָאתָן"; רבי אמי און רבי אסי האבן נישט געוואלט עסן אייער וואס מען האט פארקויפט אויף א גאס וואס דארט איז דא א מענטש מיט די מחלה פון "בַּעֲלֵי רָאתָן"; זאגן חכמינו זכרונו לברכה אז ר' יהושע בן לוי האט זיך ארום גענומען מיט זיי און געלערנט מיט זיי תורה, ער האט געזאגט, עס שטייט דאך אין פסוק (משלי ה, יט) "אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן", די תורה ברענגט חֵן, "אִם חֵן מַעֲלָה עַל לוֹמְדֶיהָ, אֲגוֹנֵי לֹא מַגְּנָא?!" אויב ברענגט עס חֵן, איז דאך זיכער אז עס היילט אויס יעדן איינעם.

זעט מען פון דעם גמרא דאס גרויסקייט פון לערנען תורה; אז אפילו א מענטש איז אזוי קראנק רחמנא לצלן אז מען דארף זיך אכטונג געבן פון אים, דאך קען ער האבן א רפואה שלימה אויב ער לערנט תורה. און דאס גייט אויך ארויף אויף א מענטש וואס ליגט נעבעך אין טינופת, ער קוקט שמוץ, און זיין מח איז אים רחמנא לצלן אינגאנצן פארדארבן, און ערליידט אויף די מחלה פון "בַּעֲלֵי רָאתָן", ער איז נעבעך אזוי אראפגעפאלן אז ער קוקט נעבעך די שמוציגסטע סארט מאוויס רחמנא לצלן; קוק וואס רש"י זאגט (שם, דבור המתחיל "בַּעֲלֵי רָאתָן"): "וואס איז דאס "בַּעֲלֵי רָאתָן? "שֶׁרֶץ יֵשׁ לוֹ בְּמוֹחוֹ"; דאס גייט ארויף אויף עבירות. א מענטש וואס קוקט שמוציגע מאוויס, ער האט נעבעך א שרץ אין זיין מח, און דער מח איז אים אויסגעברענט; אפילו אזא מענטש וואס איז אזוי ווייט אראפ געפאלן, זאגט רבי יהושע בן לוי: "אִם חֵן מַעֲלָה עַל לוֹמְדֶיהָ, אֲגוֹנֵי לֹא מַגְּנָא?! אויב ברענגט עס חֵן איז דאך זיכער אז עס היילט אויס יעדן איינעם, און מען וועט ארויס קריכן פון די בלאטע וואס מען איז אריין געפאלן.

דערפאר בעט איך דיר טייערער חבר, קוק נישט אויף קיינעם; בינד זיך צו צום הייליגן רבי'ן און פאלג זיינע עצות. נעם דיר א משניות און זאג א פרק נאך א פרק, (אז דו קענסט זאגן ח"י פרקים משניות - וואויל איז דיר), אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט, דאך זאלסטו ווייטער לערנען, ביז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן און דו וועסט ארויס קריכן פון דיין בלאטע.

**אויך זאלסטו שרייען צום אייבערשטן: "העלף מיר טאטע, העלף מיר טאטע, נעם מיר ארויס פון מיין בלאטע, איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין הייליג, העלף מיר רבונו של עולם איך זאל אוועק ווארפן מיינע מאוויס, איך זאל נישט צוריק לויפן צו מיינע שלעכטע מעשים".**

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס מען איז זוכה אז מען פאלגט דעם רבינ'ס עצות, דער רבי געבט א נייער מח, א נייער הארץ, און אפילו א נייע גוף; עס איז מקובל ביי אנשי שלומינו אז אפילו א מענטש וואס איז געבוירן געווארן שלא בקדושה וכו', אויב וועט ער קומען קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון, און זאגן דארט דעם תיקון הכללי, וועט אים דער רבי געבן א נייעם גוף, א גוף קדוש.

ווען א מענטש לערנט דעם רבינ'ס ספרים, און ער הייבט אן זיך מתבודד זיין מיטן אייבערשטן, יעדע זאך וואס גייט אריבער אויף אים פארציילט ער פארן אייבערשטן, דער מענטש הייבט זיך אן צו שעמען פונעם אייבערשטן; אפילו קיינער איז נישט אין שטוב, ער זיצט אליין, קען ער מער נישט גיין קוקן א מאווי, ווייל ער לעבט מיטן אייבערשטן, ער זאגט צו זיך: "געוואלד, וואס איז מיט מיר, דער אייבערשטער איז דאך דא, דער אייבערשטער זעט דאך אלעס וואס איך טו".

איך קען נישט מאריך זיין ווייל איך דארף אריין גיין צו די בחורים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**תוכן השאלה:**
~~~~~~~~~~~

לכבוד מיין טייערע ראש ישיבה,

איך וואלט געוואלט פרעגן די ראש ישיבה, היות אסאך מאל טרעף איך זיך לערנען מיינע שיעורים ביינאכט, אויסער חומש וואס איך האב זיך אוועקגעשטעלט א יסוד דאס צו לערנען מיט די רבינו תם'ס תפילין (וואס דאס איז אויך אייך צו פארדאנקען, אז איך האב צוריק אנגעהויבן אנצוטון רבינו תם'ס תפילין) און איך האב אמאל געהערט אז מען זאל נישט לערנען תנ"ך אדער משניות ביינאכט, איז דאס ריכטיג? און ווי אזוי זאל איך זיך פירן?

איך וויל אויך פרעגן וועגן נעמען הילפס-פראגראמען פון די שטאט. איך פלעג באקומען וואוטשערס וואס האט מיר ארויסגעהאלפן צו צאלן שכר לימוד פאר מיינע קינדער, אבער איך קען מיך באמת נישט קיין עצה געבן אן דעם; פון די אנדערע זייט, זאגן מיר מענטשן אז יעצט ווען איך בין נאך יונג און איך נעם וואוטשערס, דארף איך אכטונג געבן וויפיל איך פארדין, און דאס האלט מיך צוריק פון פארדינען שיין, אבער איך ווייס נישט צו אויף דעם וועג וואס איך לעב יעצט וועל איך אמאל ערגעץ אנקומען, נאר איך וועל ענדערש בלייבן א גרויסער בעל חוב, וואס דאס וויל איך נישט.

איך בעט די ראש ישיבה זאל מיך ביטע ווייזן דעם וועג ווי אזוי איך זאל זיך פירן.

פיל דאנק פאר אלעס וואס איר טוט מיט מיר און מיט גאנץ כלל ישראל.

מארק

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת לך לך, ה׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מארק נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

בנוגע צי מען מעג לערנען "תורה שבכתב" ביינאכט; דער הייליגער אריז"ל זאגט (עיין שער המצות פרשת ואתחנן, דבור המתחיל "והרי") אז מען זאל נישט לערנען תורה שבכתב ביינאכט, אבער די פוסקים זאגן (שאלות ותשובות לבושי מרדכי (סימן קפו); שאלות ותשובות אבני צדק (סימן קב); ועוד) אז אויב מען לערנט מיט רש"י איז זיכער גוט; דערפאר, אז דו ארבעטסט בייטאג און דו דארפסט ענדיגן דיינע שיעורים ביינאכט, ווען דו לערנסט נ"ך זאלסטו עס לערנען מיט רש"י און דעמאלט איז נישט קיין שום פראבלעם.

בנוגע צי דו זאלסט נעמען הילף פון די רעגירונג בכלל, און צי דו זאלסט נעמען הילף פאר שכר לימוד בפרט; עס איז באוואוסט דעם מאמר החכם: "הַהֶכְרֵחַ לֹא יְגוּנֶּה", אויב מען איז אין א מצב וואס מען קען נישט אנגיין אינעם טאג טעגליכן לעבן, מען קען נישט צאלן קיין שכר לימוד - איז בכלל נישט קיין שאלה צי מען זאל נעמען הילף פון די רעגירונג, אודאי דארף מען נעמען הילף אז מען זאל קענען באצאלן שכר לימוד; דו קענסט דאך נישט זיין א שיינער איד אויפן חשבון פון די ישיבה וואו דו שיקסט דיינע קינדער. עס זענען דא מענטשן וואס זענען מזלזל אין שכר לימוד, מען לייגט דאס די לעצטע זאך אויפן ליסט פון די הוצאות וואס מען דארף באצאלן.

מענטשן מיינען אז שכר לימוד איז א נדבה זאך, מען קוקט דאס אן ווי געבן צדקה; באמת איז עס נישט אזוי, שכר לימוד איז נישט קיין צדקה, שכר לימוד איז נישט קיין נדבה, נאר עס איז חוב פאר עלטערן צו צאלן שכר לימוד, און אויב מען צאלט נישט איז עס גניבה וגזילה, חוץ פון דעם וואס בדרך כלל קענען מוסדות נישט באצאלן די מלמדים צייטליך, ווייל די עלטערן מאכן זיך נישט וואוסענדיג ווען מען בעט שכר לימוד. ווער ליידט דערפון? נאר די קינדער, ווייל דער מלמד זיצט אין כתה, און אנשטאט ער זאל זיין רואיג און וויסן ביי זיך אז ער גייט באקומען זיין געהאלט סוף וואך און ער גייט קענען דעקן זיינע הוצאות וכו', און אזוי ארום קען ער זיך אפגעבן מיט די קינדער אזוי ווי עס דארף צו זיין, ווערט ער נעבעך נערוועז פון זיינע חובות, און ער איז נישט רואיג אין כתה; ווער ליידט? די קינדער. דער מלמד הייבט אן שרייען, און אסאך מאל אפילו פארשעמט ער קינדער וכו'.

עלטערן דארפן טראכטן עצות 'ווי אזוי קענען מיר מאכן אז דער מלמד פון אונזערע קינדער זאל זיצן אין כתה רואיג אן קיין דאגות און אן קיין חובות'; פאר אלעס אויף דער וועלט געבן מענטשן אויס געלט, פאר הבל הבלים; פארוואס זאל מען נישט געבן עפעס

פאר די מלמדים וואס לערנען מיט די קינדער און ליידן פון די קינדער וכו', מאך זיך א חשבון 'מה דאך די פאר שעה ווען די קינדער זענען אין שטוב שפירט א מענטש ווי זיי נעמען אים ארויס פון די כלים וכו', וואס זאל דער מלמד זאגן ווען ער זיצט א גאנצן טאג מיט דעם קינד, און נישט נאר מיט איין קינד נאר מיט דרייסיג קינדער'... עלטערן וואלטן ווען געדארפט טון אלעס אויף דער וועלט אז דער מלמד זאל האבן ישוב הדעת.

דערפאר איז א מצוה פאר יעדן איינעם צו העלפן דעם מוסד וואו ער שיקט זיינע קינדער אז זיי זאלן קענען צאלן צייטליך די מלמדים און טיטשערס, און אויב מען קען נישט באצאלן שכר לימוד, זאל מען אן קיין שום ספק נעמען הילף פון די רעגירונג, און בזכות דעם וועט מען זוכה זיין צו האבן נחת פון די קינדער.

דאס וואס דיינע חברים זאגן דיר אז אויב מען נעמט הילף פון די שטאט קען מען נישט וואקסן אין ביזנעס, און זיי ראטן דיר זאלסט הונגערן וכו' ביז דו וועסט מצליח זיין; וואס זאל איך דיר זאגן, א מענטש דארף זיין א מכיר את מקומו, און אויב מען האט נישט וואס צו עסן איז נאריש זיך צו עקשנ'ען אז מען נעמט נישט קיין הילף פון די רעגירונג, און אודאי אויב מען האט נישט קיין געלט צו צאלן שכר לימוד און מען וויל זיין א כלומר'ישע שיינער איד, און זיך אויפטון פאר די חברים אז מען נעמט נישט קיין הילף וכו', דעמאלט איז מען א גנב.

איך האב אויפגעשטעלט מוסדות מיט גרויס מסירות נפש, דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס איך בין אריבער וכו' וכו'; איינע פון מיינע שווערסטע זאכן וואס איך בין אריבער איז געווען ווען איך בין געווען שולדיג פאר מיינע מלמדים זייער געהאלט. עס האט געקענט אריבער גיין א גאנצע ווינטער סעזאן - פון סוכות ביז פסח, וואס ואין בידי לפורטה אפילו שוה פרוטה, איך האב נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן; די מלמדים פלעגן קומען קלאפן אויף מיין טיר יעדן ערב שבת פרעגן צי איך האב כאטש א פיפציגער, א צוואנציגער, זיי זאלן האבן אויף שבת צו מאכן; איך האב געהאט א נס אז זיי זענען מיר געווען געטריי, און זיי האבן מיר געוואלט העלפן אויפשטעלן מוסדות, זענען זיי געבליבן ארבעטן ביי מיר. איך פלעג מיך באהאלטן אז זיי זאלן מיך נישט טרעפן, און איך פלעג וויינען צום אייבערשטן ער זאל מיר נישט פארשעמען; איך פלעג מיך אראפ לייגן אויף דער ערד וויינען צום אייבערשטן אז איך וויל נישט זיין א גנב, איך וויל באצאלן מיינע

ארבעטער; ביז דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב זיי אלע באצאלט מיט ניסי ניסים.

איך האב געהאט קליינע קלאסן וואס זענען באשטאנען פון פיר קינדער פער קלאס, עס איז נישט געווען מעגליך אז איך זאל קענען באצאלן די איינגעשטעלטע, ווייל אפילו לאמיר זאגן אז אלע פיר קינדער צאלן שכר לימוד, יעדע קינד באצאלט צוויי הונדערט דאללער א חודש, איז עס אכט הונדערט דאללער א חודש, דא דארף איך באצאלן יעדע וואך די סכום; בין איך געגאנגען בעטן די עלטערן זיי זאלן נעמען הילף פון די רעגירונג, ווייל נישט אלע עלטערן זענען געווען ביכולת צו צאלן; א טייל האבן גענומען הילף, און אזוי האבן זיי באצאלט זייער שכר לימוד. דאס מערסטע האט מיך געבאדערט ווען איך האב געזען עלטערן וואס מאכן זיך נישט וואוסענדיג, זיי שיקן אלע אינגלעך און מיידלעך אין אונזער מוסד, זייער חוב פון שכר לימוד האלט ביי פיפציג טויזענט דאללער, און אין קול ואין עונה; מען בעט זיך ביי זיי ׳נעמט הילף פון די שטאט׳, זאגן זיי: ״מיר זענען בכבוד׳יגע מענטשן וכו׳״; פרעג איך דיר: ״זענען זיי גערעכט?״ איך שפיי בלוט יעדן טאג, און ווען עס קומט סוף וואך דארף איך קענען באצאלן די מלמדים און טיטשערס, און עס איז פשוט נישט דא פון וואו דאס צו דעקן, אסאך מאל קען מען שפירן ווי דער מוח קען עס מער נישט דערהייבן, בשעת ווען עס זענען דא עלטערן וואס אויב זיי צאלן ווען שכר לימוד אדער זיי נעמען הילף פון די שטאט, וואלט דער מוסד געקענט צאלן אלע מלמדים און טיטשערס וועכנטליך אזוי ווי עס דארף צו זיין.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן שפע אז דו זאלסט נישט דארפן נעמען פון קיינעם קיין הילף, זאלסט האבן פאר דיר און קענען העלפן אנדערע אידן - בזכות וואס דו לערנסט תורה; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ממון, סימן צז): ״מִי שֶׁאֵין לוֹ פַּרְנָסָה, יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה, וְאַחַר כָּךְ יִתְפַּלֵּל עַל פַּרְנָסָה, בְּוַדַּאי יִתְקַבֵּל תְּפִלָּתוֹ״, ווער עס וויל פרנסה, זאל לערנען תורה, און נאכדעם זאל ער בעטן דעם אייבערשטן, וועט דער אייבערשטער זיכער צו הערן זיין געבעט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

## תוכן השאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

פון אביסל נאך מיין חתונה, שוין איבער זעקס יאר, בין איך אין א גרופע פון איבער 30 געשמאקע אינגעלייט. אונז שמועסן אסאך און מיר קומען זיך צוזאם כסדר צו פארברענגען אין מלוה מלכה'ס.

אבער פון די גאנצע גרופע בין איך דער גרעסטער looser, אסאך פון מיינע חברים האבן שיין מצליח געווען אין ביזנעס און איך האב קוים ברויט אין שטוב. אסאך חברים קענען לערנען, איך זאג לעצטנס אביסל אויפ'ן סדר דרך הלימוד משניות מיט חומש אבער איך פארשטיי נישט גארנישט. אסאך חברים קענען שפילן מוזיק און דאווענען שיין פארן עמוד, איך קען נישט שפילן און נישט דאווענען און נישט ליינען. רוב חבירים האבן שוין געקויפט אייגענע גרויסע הייזער אין איך לעב אין א קליינע דירה.

יעדעס מאל מ'קומט זיך צוזאם, יעדער שמועסט הויך אבער איך האב נישט וואס צו פארקויפן. ס'מאכט מיך זייער צובראכן, איך פיל זיך ווי א דורכפאל וואס קיינער דארף נישט האבן.

א גרויסן ש'כח פארן אוועקגעבן צייט צו העלפן אנדערע.

חזקי

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט''א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת לך לך, ו׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד חזקי נרו יאיר**
~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי מיר מוחל, אבער איך פארשטיי נישט פארוואס דו ביסט אזוי צעבראכן וכו'; דער אייבערשטער האט דיר געהאלפן האסט חתונה געהאט שוין א שיינע פאר יאר, דו האסט א ווייב מיט קינדער, דו האסט פרנסה; אנשטאט דו זאלסט דאנקען דעם אייבערשטן טאג און נאכט אויף די ניסים וואס ער האט געטון מיט דיר און טוט מיט דיר, זוכסטו פון אונטער דער ערד אויף וואס צו קרעכצן.

עס איז זייער נאריש צו מקנא זיין א צווייטן, ווייל קיינער ווייסט נישט וואס עס טוט זיך אפ ביי א צווייטן; עס קען אויסקוקן צו מאל ווי דער מענטש פארדינט שיין, ער איז מצליח מיט אלעס, ער האט שלום בית, נחת וכו', אבער באמת האט דער מענטש בכלל נישט קיין לעבן, עס איז נאר געמאכט, עס זעט נאר אזוי אויס פון אינדרויסן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה - עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", ווער עס האט קנאה, ער איז מקנא א צווייטן, ווערן זיינעביינער פארפוילט; בפשטות גייט עס ארויף אויף א נפטר, אז אויב א מענטש האט נישט געהאט קיין קנאה, וועט זיין גוף נישט פארפוילט ווערן אין קבר. אבער מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט, אז דאס גייט אויך ארויף אויף לעבעדיגע מענטשן; אז א מענטש וואס האט קנאה, ווערן אים זיינע ביינער פארפוילט נאך בחיים חיותו, זיין גאנצע לעבן עסט ער זיך אויף 'פארוואס האב איך נישט אזא לעבן ווי יענעם', 'פארוואס האב איך נישט אזא ווייב ווי יענעם', 'פארוואס האב איך נישט אזא הויז ווי יענעם'; ווען דער גאנצער יענער איז נעבעך צעבראכן אויף שברי שברים, עס זעט נאר אויס פון אינדרויסן אז יענער לעבט. און אפילו יענער זאל יא האבן א גוט לעבן, דארף מען אויך נישט מקנא זיין א צווייטן, ווייל אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די ווייב, די קינדער, און די סארט שטוב וכו' וכו', דארף איך גלייבן אז דאס איז דאס בעסטע פאר מיר, און בעסער קען נישט זיין.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן לד): "כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל דָּבָר יָקָר מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ, כְּמַעֲשֶׂה דְּאַבַּיֵּי וְאַבָּא אֻמָּנָא, שֶׁהֵשִׁיבוּ לוֹ: "לָא מָצֵית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא", יעדער מענטש האט אין זיך א נקודה וואס א צווייטער האט נישט; דער רבי ברענגט אראפ די מעשה וואס חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (תענית כא:) עס איז געווען א דאקטער

וואס האט געהייסן אבא אומנא, ער פלעגט באקומען יעדן טאג א בת קול פון הימל: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא״; אביי פלעגט באקומען נאר איין מאל א וואך א גריס פון הימל - יעדע ערב שבת, ער פלעגט הערן א בת קול: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי״; רבא פלעגט באקומען נאר איין מאל א יאר דעם בת קול, יעדן ערב יום כיפור פלעגט ער הערן: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא״; זאגט די גמרא אז אביי האט געהאט חלישות הדעת פארוואס דער פשוט׳ער דאקטער באקומט יעדן טאג א בת קול און ער באקומט דאס נאר איינמאל א וואך, האט מען אים געענטפערט פון הימל: ״לָא מָצֵית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא״, דו קענסט נישט טון וואס אבא אומנא טוט; דערפאר איז נישט שייך צו קוקן אויף א צווייטן און מקנא זיין א צווייטן, ווייל יעדער האט זיין נקודה וואס דער אייבערשטער האט הנאה פון דעם, און פאר דעם איז ער באשאפן געווארן.

אז דו ביסט זוכה צו לערנען יעדן טאג מקרא, משנה וכו׳; ביסטו דאך רייכער פון אלע דיינע כלומר׳ישע חברים! וואס וועט יענער מיט נעמען אויף יענע וועלט, זיין שיינע קול? זיין שפילן? זיין הויז? וואס? חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קכ.): אויפן פסוק (ישעיהו ג, ז): ׳וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה׳ - ״זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא, וְלֹא מִשְׁנָה, וְלֹא תַּלְמוּד״; א מענטש וואס לערנט נישט יעדן טאג אביסל חומש, משניות און גמרא, דער מענטש איז דער גרעסטער ארימאן; נאך זאגן חז״ל (נדרים מא.): ״אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת״, ווער איז אן ארימאן? דער וואס האט נישט קיין שכל; א מענטש וואס טראכט נישט פון תכלית, דער איז אן ארעמאן. א מענטש וואס לערנט נישט תורה יעדן טאג, ווען ער וועט אוועקגיין פון דער וועלט וועט ער זיין ארעם; אין בית החיים נעמט מען נישט מיט קיין געלט און קיין הייזער, דארט נעמט מען נישט מיט קיין שיינע קול, אדער שפילן וכו׳, דארט נעמט מען מיט נאר תורה ומעשים טובים; דערפאר פארשטיי איך נישט וואס דו שרייבסט מיט אזא צעבראכנקייט אז דו שפירסט זיך צווישן דיינע חברים ווי א פעלער, ווייל זיי קענען דאווענען פארן עמוד אדער שפילן, און דו קענסט גארנישט, נאר זאגן משניות און חומש וכו׳.

איך וויל דיר פרעגן צי עס איז א נארמאלע זאך וואס דו טוסט, דו שרייבסט מיר אז דו האסט חברים, און מען קומט זיך כסדר צוזאם ביינאכט, און צו מלוה מלכה׳ס; פארוואס זאלסטו ארויס גיין פארברענגען מיט חברים ווען דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א מתנה אזא שיינע שטוב, דו האסט א ווייב מיט קינדער; פארוואס זאלסטו נישט

פארברענגען אין שטוב מיט דיין ווייב און קינדער, פארוואס זאלסטו פארברענען דיינע יונגע יארן מיט חברים, וואס היינט איז ער דיין חבר און מארגן קען ער דיר מער נישט.

עס איז נישט דא אזא זאך ווי א חבר, מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט: "א אינגערמאן האט נאר איין חבר - זיין ווייב"; סתם פארברענען נעכט מיט אינגעלייט וואס אנטלויפן פון שטוב, אנטלויפן פון זייער לעבן, דאס זענען נישט קיין חברים, זיי זענען בכלל נישט דאהי, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין מ:): "כָּל שֶׁאֵין בְּיָדוֹ מִקְרָא, מִשְׁנָה, וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב"; סתם זיצן און שמועסן מיט אינגעלייט וואס עס קומט נישט ארויס פון די שמועסן קיין מקרא משנה, אדער פרנסה - עפעס תכלית, איז אינו מן הישוב.

א חבר איז איינער וואס ווען איך גיי אריבער א צרה, איך גיי אריבער בזיונות - שטארקט ער מיר, און ער איז מיר מחזק; ווען קיינער וויל נישט קוקן אויף מיר וכו' וכו', דעמאלט קען מען זען וואס הייסט א חבר. אז מענטש וועט גוט קוקן אויף זיך, וועט ער זען, אז יעדע שטיק צייט מיינט ער אז ער האט אנדערע בעסטע חברים, און פלוצלינג טוישט זיך עס, און אלע חברים זיינע זענען פלוצלינג פארשוואונדן געווארן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**תוכן השאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס, פאר אלע דרשות און חיזוק.
~~~~~~~~~~

איך האב געהאט א יאר צוריק א שווערע אינפעקשאן, עס האט מיך געקאסט אסאך עגמת נפש, עד כדי כך אז איך האב געווען אין שפיטאל, נישט מער געדאכט.

דעמאלט האבן מיר אפאר דאקטורים געזאגט נישט צו גיין מער אין מקוה, סיי אז איך זאל עס נישט באקומען נאכאמאל (חס ושלום), און סיי אז אנדערע זאלן עס נישט באקומען.

עס איז שוין באלד א יאר, און איך וויל זייער שטארק אנהייבן צוריק גיין אין מקוה, אבער איך האב זייער אסאך שרעק פון דעם. אויב דער ראש ישיבה קען מיר געבן אן עצה, יישר כח.

לוי

## תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת לך לך, ו׳ מר-חשון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד לוי נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כד): ״כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, אלע מחלות און אלע קרענק קומען ווייל מען איז דעפרעסט און נישט פרייליך, ״גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה״, אפילו די דאקטורים זאגן אז אלע מחלות קומען פון דיפרעסיע, ווייל מען איז נישט פרייליך.

דערפאר בעט איך דיר זייער, שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פרייליך; דאנק דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט דיר, און אפילו דו ביסט פיל מיט יסורים ה׳ ירחם, עס גייט איבער אויף דיר שווערע זמנים, זאלסטו זיך דערהאלטן מיט אלע

דיינע כוחות צו גלייבן באמונה שלימה אז אלעס איז דער אייבערשטער, און ער טוט אלעס; עס איז נישט דא קיין טבע, מקרה, מזל, נאר אלעס איז מיט א פונקטליכער חשבון.

דו האסט זיכער א זיידע אדער א באבע וואס איז געווען אין גיהנום ביי די דייטשן ימח שמם, האסטו זיכער געהערט מעשיות וואס זיי זענען אריבער; עס לאזט זיך פשוט נישט גלייבן ווי מענטשן האבן געהאט כח דאס איבער צו לעבן, און עס איז א מורא'דיגע וואונדער ווי אזוי זיי האבן געהאט די כח נאכאמאל אויפצושטעלן א אידישע שטוב, נאכן זען מיט די אייגענע אויגן ווי מען האט זיי אלעס צוגענומען, און אויסגע'הרג'ט זייער גאנצע שטוב השם ישמרינו; נאר דער תירוץ איז, אז די אלע וואס האבן געלעבט מיט אמונה, זיי האבן געלעבט מיטן אייבערשטן, זיי האבן געוויסט אז אלעס וואס גייט אריבער אויף זיי איז פונעם אייבערשטן; מיר פארשטייען גארנישט, מיר ווייסן גארנישט, ממילא האבן זיי געהאט די כוחות נאכאמאל אויפצושטעלן א דור פון קינדער און אייניקלעך פארן אייבערשטן.

ווען דער הייליגער רבי זכותו יגן עלינו מסאטמאר איז געווען אין ארץ ישראל, האט אים דער גרויסער בעל מקובל רבי אשר זעליג מרגליות זכרונו לברכה געפרעגט ווער קען מען געבן א קוויטל אינעם היינטיגן דור, האט אים דער רבי זכותו יגן עלינו געענטפערט: "ווען דו וועסט זען א איד ציט ארויף זיין ארבעל צו לייגן תפילין, און אויף זיין האנט איז דא א נומער פון די דייטשן ימח שמם, דעם איד קען מען געבן א קוויטל און בעטן א ברכה"; ווייל א איד וואס איז אריבער דעם גיהנום אויף דער וועלט, וואס מיר קענען זיך נישט פארשטעלן ווי אזוי זיי האבן דאס דורך געלעבט, האט אמונה אינעם אייבערשטן, און ער קומט אין שול דאווענען און טוט אן טלית ותפילין - דער איד א צדיק.

דערפאר, אז דו שרייבסט מיר אז דו ביסט אריבער א שווערע זמן, דו ביסט געווען אין שפיטאל נישט מער געדאכט, זאלסטו זיך שטארקן מיט אמונה, און אזוי וועסטו ווערן געזונט, ווייל אלע קרענק קומען פון דעם וואס א מענטש איז דעפרעסט; מען דארף ארבעטן אויף שמחה מיט אלע כוחות.

ווער עס האט זוכה געווען צו זען מוהרא"ש זכרונו לברכה. דעם שמייכל פון מוהרא"ש קען מען נישט פארגעסן; שטענדיג איז ער ארום געגאנגען מיט א שמייכל, מען

האט געקענט מיינען אז עס גייט אים טאקע גוט, עס האט אויסגעזען ווי ער האט אלעס וכו', וואס ווער עס ווייסט איז עס געווען פונקט פארקערט, מוהרא"ש האט נישט געהאט קיין איין גוטן טאג אין זיין לעבן, און ער האט געהאט אויסצושטיין ביטערע יסורים מבית ומבחוץ (זאכן וואס מען קען נישט פארציילן וד"ל), מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה: "לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם - בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל, וּמַמָּשׁ בָּכִיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מֵרֹב צַעַר וְעַגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְּבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ", איך האב נישט געהאט קיין איין גוטן טאג אין מיין לעבן, אן קיין גוזמא, איך פלעג וויינען יעדן טאג מיין גאנץ לעבן פון די יסורים וואס איז אויף מיר אריבער - סיי פון אינדרויסן און סיי פון שטוב; מיט דעם אלעם האט מען דאס נישט געקענט אנזען אויף אים פון אינדרויסן.

א אינגערמאן האט מיר דערציילט אז ער איז אמאל געווען ביי מוהרא"ש ביינאכט, ווייל ער האט געדארפט עפעס פארעכטן; ער איז דעמאלט געווען זייער צעבראכן, ער איז זיך נישט אויסגעקומען מיט זיין ווייב וכו' און ער איז אריין אין א שרעקליכע דעפרעשן. בשעת ער האט געארבעט דארט ביי מוהרא"ש, טראכט ער צו זיך: 'איך קען מער נישט אויסהאלטן', און ער האט געטראכט מחשבות פון אנטלויפן, אבער ער האט נישט געוויסט וואו צו אנטלויפן, עס איז אים אריין געקומען מחשבות פון זיך נעמען דאס לעבן רחמנא לצלן, אבער ער האט געטראכט 'וואס וועט מען זאגן וכו'', בקיצור, אלע מחשבות וואס א מענטש טראכט ווען ער איז מרה שחורה; פלוצלינג קומט ארויס מוהרא"ש מיט דעם שמייכל וואס ער האט אלעמאל געהאט, און זאגט אים: "יענקל, וואס ביסטו אזוי צעבראכן?" רופט זיך אן דער אינגערמאן: "איך האב א שלעכטע ווייב, זי טרינקט מיר מיין בלוט וכו' וכו'", זאגט אים מוהרא"ש: "און אז מען האט א שלעכטע ווייב וואס טרינקט דאס בלוט איז אן עצה צו זיין צעבראכן? קום טאנצן"; מוהרא"ש זאגט אים: "יענקל, איך האב אויך א שווערע שטוב, אבער דאס איז נישט קיין עצה צו זיין מרה שחורה", און מוהרא"ש האט אים אנגעכאפט און געטאנצן מיט אים פאר אפאר מינוט; דער אינגערמאן האט מיר פארציילט, אז ווען ער איז אהיים געגאנגען האט ער געטראכט צו זיך: 'מיין ווייב איז באמת נישט אזוי שלעכט וכו' וכו'', נאר די מרה שחורה, דאס מאכט אז א מענטש זאל זיך פארלירן רחמנא לצלן.

זעט מען פון דעם, אז אפילו א מענטש האט א שווערע לעבן, דארף ער זיך פריילך מאכן מיט אלע זיינע כוחות; ווען מוהרא"ש האט געזען א אינגערמאן אדער א בחור וואס

איז נישט פרייליך, פלעגט ער אים פרייליך מאכן; דאס דארפן מיר נאכמאכן, און דאס דארף זיין אונזער שטרעבן - צו זיין שטענדיג פרייליך און ארום גיין מיט א שמייכל.

דו קענסט גיין אין מקוה, און דו דארפסט זיך גארנישט זארגן; דאס וואס די דאקטורים האבן דיר געזאגט זאלסט נישט גיין וכו׳, דאס איז ווען מען האט אן אינפעקשן, דעמאלט טאר מען נישט גיין אין מקוה, ווייל מען קען גורם זיין אז דאס זאל אריבער גיין אויף אנדערע מענטשן, אבער יעצט אז דו ביסט געזונט, זאלסטו אודאי גיין אין מקוה, ווייל מקוה היילט אלע קרענק; מקוה איז א געזונטע זאך פארן מענטש ברוחניות ובגשמיות, קוק וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן קכג): ״א דאקטער וואס זאגט אז מקוה שאדט פארן מענטש - איז קיין דאקטער נישט״; ווייל מקוה איז זייער געזונט פארן מענטש, און דער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת הדינים, סימן כב): ״עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוָה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה״.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן, זאלסט ארויס גיין פון אלע דיינע פראבלעמען.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~